**בס"ד. התוועדות יו"ד שבט ה'תשל"ב.**

(הנחה פרטית בלתי מוגה)

א. די התוועדות, וואס זי איז דאך פארבונדן מיט דער הילולא פון דעם רבי'ן, פונעם שווער, איז דאך כמדובר כמה פעמים, דער תכלית בזה כמאמר המשנה – "המעשה הוא העיקר": אז מ'זאל דערפון ארויסנעמען א זאך וואס דאס זאל דערנאך האבן א השפעה אויף מעשה בפועל.

דער ענין וואס איז קשור מיט דער התוועדות, איז דאך פארשטאנדיק:

יעדער התוועדות האט דאך איר נקודה, במילא איז אויכעט דאס וואס מ'נעמט אראפ בנוגע למעשה – איז דאס מיוחד צו דער התוועדות. וויבאלד אז דאס איז א התוועדות פארבונדן מיט א הילולא פון דעם און דעם, איז דאך פארשטאנדיק אז כדי מ'זאל וויסן וואס ארויסצונעמען דערפון, ולמעשה, ביז למעשה בפועל בחיי יום יום – איז דאס פארבונדן מיט'ן מתבונן זיין זיך, אריינטראכטן זיך, וואס איז די נקודה פון דעם בעל ההילולא, פון זיין לעבן, און וואס ער האט געוואלט אז דאס זאל זיין די נקודה התיכונה דערפון וואס מ'וועט פון אים אפלערענען.

בשעת ס'רעדט זיך וועגן א תורה איד בכלל, ובפרט א איד וואס האט זיך מוסר נפש געווען אויף תורה [און ניט מוסר נפש געווען אין זמנים מיוחדים, נאר משך כמה וכמה שנים. על דרך ווי די גמרא איז דאס מפליא און זאגט "אלמלא נגדוהו": אז מסירת נפש אויף א רגע איז איין סדר אין עבודה, און איין דרגה; ס'איז אבער שלא בערך צו "אלמלא נגדוהו" – א מסירת נפש וואס האלט אן כמה וכמה זמן, כמה וכמה יארן], איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז דער נקודה אין וועלכע ער האט געוואלט ארויסגעבן וועגן זיך אליין – דארף מען דאס זוכן בתורתו.

ב. ס'איז אויכעט פארשטאנדיק אז בנוגע לתורתו – איז דאך במשך כמה וכמה שנים, "עבודתו אשר עבד בה" בחיים חיותו בעלמא דין, איז דאך געווען תורה, וואס זי איז "חיינו ואורך ימינו"; איז דאך פונקט ווי ס'איז געווען שינויים אין זמן ומקום, האט דאך געמוזט זיין אויכעט שינויים אין דער "תורת חיים", וואס דאס איז דער פירוש הפשוט – הוראה בחיים,

איז וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיט זיין יום הילולא, יום הסתלקות, האט דאס א שייכות מיוחדת צו דער תורה וואס ער אליין האט פארבונדן מיט זיין יום הסתלקות, וואס דאס איז דאך דער מאמר וואס ער האט ארויסגעגעבן עטליכע טעג קודם ההסתלקות, און האט געהייסן אפדרוקן און מפיץ זיין על מנת אז מ'זאל דאס לערנען ביו"ד שבט, וואס דאס איז ארויסגעגעבן געווארן עטליכע טעג פאר דעם יום הסתלקות, כאמור.

וואס ס'איז דאך זיכער אז אלע ענינים אין וועלט – איז דאס בהשגחה פרטית, על-אחת-כמה-וכמה אן ענין וואס איז פארבונדן מיט תורה ומצוות, על-אחת-כמה-וכמה אן ענין וואס איז פארבונדן מיט תורה, בלימוד התורה לרבים, און פון א נשיא בישראל – איז דאך זיכער אז דאס איז בהשגחה מיוחדת: דאס איז פונקט צוגעפאסט צו אט דעם טאג אין וועלכן ער אליין האט געזאגט אז מ'זאל דאס דעמאלט לערנען.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק כביכול על צדיקים וואס זיינען דאך "דומים לבוראם": על דרך ווי מ'זאגט אויפן בורא "אנא נפשי כתבית יהבית", איז דאך איינער פון די פירושים אין דעם – אז דער אויבערשטער האט זיך אריינגעשריבן איז דער תורה, און דורך דער תורה נעמט מען דעם אויבערשטן; על דרך זה איז ביי א צדיק, וואס "צדיקים דומים לבוראם" – אז ער האט זיך אויכעט אריינגעשריבן אין זיין תורה, און במיוחד – די תורה וואס איז פארבונדן צו יום הילולא, ד.ה. אין דער תורה וואס ער אליין האט דאס פארבונדן מיטן יום הילולא.

ג. וואס כמדובר כמה פעמים, אין תורה איז דאך יעדער ענין מכוון, אויך דער סדר שבתורה. און דערפאר איז די רישא והתחלה פון יעדן ענין אין תורה – איז דאס א ראש:

בדוגמא ווי א קאפ וואס זי איז אין זיך כולל די אלע אברים, און זיי ווערן דערנאך אויכעט אנגעפירט דורך איר; ווען יעדער אבר איז שוין במקומו – ווערט ער אויכעט אנגעפירט פון דעם חלק שבראש וואס האט א שייכות צו דעם אבר. על דרך זה אין "זאת התורה אדם" (אז תורה ווערט אנגערופען בשם "אדם") – איז אויכעט א ראש ותחילה אין אן ענין שבתורה – אויב דאס איז נאר געמאכט געווארן על פי תורה – איז ער אין זיך כולל די אלע חלקים, וואס דאס איז די אברים פון אט דעם ענין בתורה.

על דרך זה איז אויכעט בנוגע צו דעם מאמר, וואס ער איז דאך געדרוקט געווארן (ולפי המנהג – וואס מ׳לערענט אים) ביום הילולא, וואס דאס איז דאך דער מאמר פון ״באתי לגני אחותי כלה״. איז דאך על פי האמור אויכעט מובן, אז דער בעל ההילולא האט דאס פארבונדן מיט זיך אליין, אויף ארויסנעמען וואס איז זיין נקודה – פון דער תורה, פון דעם מאמר של יום זה. איז פארשטאנדיק, כאמור, אז כללות המאמר ווערט נכלל אין דעם התחלת המאמר, אין ״באתי לגני״, ווי ער טייטשט דאס אפ אין דער תורה.

ד. ס׳איז דאך ״שבעים פנים לתורה״, ובמיוחד נאכמער – ווי ער זאגט אין כתבי האריז״ל, אז וויבאלד אז דער תורה איז געגעבן געווארן צו יעדער אידן במיוחד, וואס דערפאר מתן תורה הויבט זיך דאך אן מיט א לשון יחיד, ״אנכי ה׳ אלקיך אשר הוצאתיך״, ״אלקיך״ און ״הוצאתיך״ לשון יחיד – ניט ״אלקיכם״, ״הוצאתי אתכם״ – איז וויבאלד אז ס׳איז דא ביי אידן ששים ריבוא נשמות כלליות, ווערט דאס איינגעטיילט אויף שישים ריבוא, וואס די גמרא זאגט אויף דערויף ״אין דעותיהם שוות״; איז דערפון אויך פארשטאנדיק אז אין תורה איז דא ששים ריבוא פירושים, סיי אין חלק הפשט, סיי אין חלק הרמז, און הדרוש, און הסוד, ווי ער זאגט אין כתבי האריז״ל.

איז דא איז נוגע ווי דער בעל ההילולא טייטשט אפ אין דעם מאמר, דעם ענין פון באתי לגני. וואס ער הויבט אן דער מאמר מיט׳ן מאמר פון מדרש רבה על הפסוק: ״לגן לא נאמר אלא לגני, לגנוני״, וואס אויף דערויף איז מיוסד דער מאמר מיט׳ן המשך שלו.

וואס וואס איז דאס בפשטות? אז ״לגני״ האט דער טייטש פון אן ענין של גן, פון א גארטן; אט דאס וואס דא שטייט ניט ״לגן״, נאר מיט א הוספה פון א יו״ד, ״לגני״, איז דאס מוסיף אז דאס איז ״גנוני״ – אז דאס איז אזא מין גארטן וואס דארט געפינט זיך דער עיקר שכינה. און ווי ער פארטייטשט דאס: אז וואס מיינט ער מיט דעם ״לגני״? מיינט מען דאס די וועלט.

ה. וואס פון דערויף נעמט מען ארויס א הוראה כללית: שלא כדעת העולם וואס זיי האבן א טעות, און אז מ׳הויבט זיך אן ארומקוקן בעיני בשר, מיט פליישיקע אויגן, וואס זעען די פלייש און די גשמיות שבכל דבר – ווערט מען דערשראקן וואס טוט זיך דאס אין דער וועלט,

– און וואס מדור לדור ומשנה לשנה איז ״אכשור דרא – בתמיי״: אז מ׳גיט זיך א קוק, איז ניט דער חלק הטוב איז גובר, און ניט דער סדר ווערט אלץ שטארקער, און ניט קדושה ורוחניות איז מושל ושולט, נאר לכאורה להיפך, ובפרט אין ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט אידן, וואס אידן זיינען דאך אלעמאל ״אתם המעט מכל העמים״, על אחת כמה וכמה איצטער –

איז קען דאך איינפאלן לויט דעם חשבון על פי טבע, און לויט דעם חשבון לויט עיני בשר, אז דאס איז א ענין פון א יער, וואס דארטן געוועלטיקן חיות רעות; ניט א גארטן וואס גיט פרות מאכל אדם. און דא זאגט מען פארקערט – אז די וועלט איז א גארטן. וואס דאס איז דאך נאך מערער פון סתם אן ענין: א גן, א פרדס, איז דאך מערער שלימות ווי א שדה.

און ווי מ׳זעט דאס אויכעט דערפון וואס ״לפום צערא אגרא״ – וואס מער מ׳דארף הארעווען, איז א סימן אז די זאך איז טייערער: זעט מען אז בשדה איז דער הארעוואניע, דער צער, א סאך א קלענערע; מה-שאין-כן אז א גן זאל זיין א גן ראוי לשמו, עושה פירות טובות, דארף מען האבן א הארעוואניע שלא בערך. און ביז וואנעט מ׳זעט זיך מיט די פרות, געווערט דאס אן ענין פון תוחלת ממושכה, א משך זמן רב שלא בערך ווי בנוגע לשדה. ״תבואה״ – זאגט די גמרא אין בכורות – איז ״לנ״ב יום״; אז מ׳הויבט זיך אן האנדלען מיט א פרדס, מיט א גן, איז דא כמה שינויים מאילן לאילן, און וואס דער אילן איז חשוב׳ער – אלץ מערער יארן דארף מען אויף איםווארטן ביז מ׳וועט האבן זיינע פרות. דאס הייסט, אז ס׳איז אלץ מערער טרחה און אלץ מערער צער, און די תוחלת ממושכה איז אויכעט גרעסער. איז דערפון גופא א הוכחה אז דאס איז שלא בערך גרעסערער, חשוב׳ערער ענין, ווי דער ענין השדה.

ו. און אט דאס איז א צוואה והוראה פון דעם בעל ההילולא [וואס ער איז דאך אליין ״הגבר ראה עני״, דורכגעגאנגען פארשידענע ערליי יסורים, ומכל מיני יסורים, פון די אלע ד׳ ענינים וואס עליהם חייבים להודות. על-אחת-כמה-וכמה ווען ס׳האט זיך אויסגעוויזן אז מ׳איז געקומען לארץ הרווחה, וואס דא איז ניט געווען לכאורה דער מורא מבחוץ, איז דאך אויכעט דא געווען פארבונדן מיט יסורים רוחניים און מיט יסורים גשמיים, וואס אין כאן המקום להאריך בזה. איז די הוראה] – וואס תורה איז דאך מלשון הוראה:

מ׳קען דאך ווערן ביי זיך אפהענטיק – ווי האט מען א האפענונג אויף אויפטאן מיט דער וועלט און איבערמאכן וועלט, ווען מ׳זעט אז מדור לדור ומשנה לשנה איז דאס הולך ופוחת, ״אכשור דרא – בתמיה״?

אפילו אז ער וועט דאס טאן מיט קבלת עול, ווארום א איד איז דאך מקבל אויף זיך פעמיים בכל יום עול מלכות שמים און עול תורה ומצוותיה, איז דאך אבער אינו בדומה אז ער טוט טאקע אן ענין מתוך קבלת עול, ער איז אבער בטוח, ביי אים ווייזט זיך אויס אז ער וועט זיכער ניט מצליח זיין, ווארום די וועלט איז א ״יער״ וואס דארטן געוועלטיקן חיות רעות – איז טוט ער טאקע כל עניניו, ס׳איז אבער ניט מיט אט דעם חיות, על-אחת-כמה-וכמה ניט מיט אט דער שמחה וואס ס׳דארף זיין בעבודת ה׳ בכלל און אין דער עבודה פון ״לעשות לו יתברך דירה בתחתונים״ במיוחד.

און אט דא גיט מען א וואונדערלעכע הוראה, אז מיר זאלן וויסן זיין אז אט די וועלט – אין וועלכע ער האט געלעבט, און ער האט איבערגעגעבן די הוראה אויף ימים ושנים שלאחרי זה – זאל מען וויסן זיין אז דאס איז א וועלט וואס זי איז א ״גן״. ניט סתם א שדה עושה תבואה, נאר דאס איז א גן ״עושה פירות״.

און דאס איז ניט א גן פון כ׳ווייס, פון אבי פון וועמען – במילא איז דאך דאס לפי ערך פון בעל הפרדס והגן, איז פאר אים גענוג אז די פירות האבן אט די און די חשיבות וואס זיי האבן; זאגט מען גלייך מלכתחילה, אז אין פסוק זאגט ער אז דאס איז ״גני״: דאס איז אזא מין וועלט וואס דער אויבערשטער זאגט אז דאס איז א פרדס וואס דאס איז פרדס שלו. ביז וואנעט אז דאס איז ניט א פרדס וואס קומט בדרך ארעי, נאר דאס ווערט ״גנוני״ – עיקר שכינה איז געווען דוקא אין אט דער וועלט.

ז. וואס אט דעמאלט, צי מ׳פארשטייט ווי דאס איז צי מ׳פארשטייט ניט, וויבאלד אבער אז תורת אמת זאגט אזוי, און דאס איז איבערגעגעבן געווארן אין דער הוראה פון יום ההסתלקות ויום ההילולא – איז דאך כאמור:

לאחרי ווי מען זאגט פריער ״באתי״ – כפי שיתבאר לקמן – איז די הוראה אז דא רעדט זיך וועגן א וועלט וואס ניט קוקנדיק וואס עס זעען עיני בשר – איז דאס א ענין של גן.

און ניט א גן וואס איז בערך למי שהוא, נאר דאס איז ״גני״ פון דעם אויבערשטן. און ביי דעם אויבערשטן איז דאך אויך דא א שינוי ווי דער אויבעשרטער געפינט זיך במקום זה אדער במקום אחר: אף-על-פי וואס ״את השמים את הארץ אני מלא״ בשוה, איז דאך אבער אין דערויף גופא אויכעט דא שינויים. על דרך ווי די משנה רעכנט אויס אז ״עשר קדושות הן״ – אז ס׳איז דא ווי דער אויבערשטער ווערט נתגלה אין קדש הקדשים, ביז ווי ער ווערט נתגלה אין דער קדושה הכי תחתונה, ביז ווי ער ווערט נתגלה אין חוץ לארץ. איז אט דא זאגט ער אז דער צד השוה שבכל אלו: אז אפילו אין דער דרגא הכי תחתונה איז דאס אן ענין וואס דאס איז גנו של הקב״ה, און אין א אופן וואס דאס ווערט ״גנוני״ – אז עיקר דירתו ווערט דוקא אין דעם פרדס און אין אט דעם גן.

און אט דעמאלט, אפילו אז ער פארשטייט ניט, ער ווייס דאך אבער אז תורת אמת האט אים אזוי געזאגט, איז דאך דאס זיכער אז דער אמת איז אזוי; איז אט דעמאלט קוקט ער אויף דער וועלט אנדערש, און אז ער קוקט אנדערש – דערזעט ער אט דאס וואס בעיני בשר, בשטחיות, אויפן ערשטן קוק, באמערקט מען ניט. ער ווייס אבער וואס ער דארף זוכן, און זוכן זוכט ער אין דער ריכטונג אויף אויסצוגעפינען וואו ס׳געפינט זיך אונטער דער קליפה – אונטער דער אויסווייניגסטע שאלעכץ – די פירות פון אט דעם גן.

איז בשעת ער זוכט אין אט דער און דער ריכטונג, איז צום אלעם ערשטן איז ער זיכער אז ער וועט דאס זיכער געפינען, ווארום תורת אמת זאגט אים אז דאס איז דא. און וויסנדיק אז ער וועט זיכער געפינען אן אוצר יקר מכל יקר, פירות וואס דער אויבערשטער איז אויף זיי מעיד אז דאס זיינען פירות פון זיין פרדס אין וועלכען ער געפינט זיך, אין א ״עיקר שכינה בתחתונים היתה״ – איז לפי ערך פון דעם יוקר הפירות, וועט אים ניט אפשרעקן און ניט אפשטעלן קיין השתדלות און קיין יגיעה, און ער וועט זיך ניט לאזן אפרעדן און פארנעמען זיך מיט זייטיקע זאכן, וויסנדיק אז אויף אים ווארט אן אוצר יקר מכל יקר: מגלה זיין אין דער וועלט אז דאס איז ״גנו של הקב״ה״, און של הקב״ה אין אן אופן פון ״עיקר שכינה״.

ח. וואס אט דאס איז – לפי הסברה זו – די הוראה פון יום ההילולא ויום ההסתלקות, אויף מיטצונעמען דאס על כל השנים כולם, און מיום זה על כל השנה, ביז צו עשירי בשבט הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה:

אז מ׳זאל וויסן זיין אז מ׳געפינט זיך אין א טייערע וועלט! נאר דער יצר הרע איז זיך משתדל בכל האופנים אויף צודעקן די טייערקייט וואס עס געפינט זיך אין וועלט, כדי מ׳זאל זיך מייאש זיין ח״ו, אדער על כל פנים טאן מער ניט פון יוצא וועגן וכו׳. און אט דעמאלט דערמאנט מען זיך אז דאס איז ״אומנתו״, אויף דערויף איז ער באשאפן געווארן – אויף צודעקן אופן אמת; איז דאך קיין וואונדער ניט אז ער געפינט כמה ערליי פיתויים והסתות וכו׳.

און מ׳גייט לבטח דרכו, דרך מלכו של עולם זה הקב״ה, וואס ער האט דאס מגלה געווען על ידי עבדיו, ״מאן מלכי רבנן״, ובכל דור ודור על ידי נשיא שלו, ובדורנו – דעם נשיא דעם בעל ההילולא. און מען גייט אין אן אופן פון ״לבטח״, וויסנדיק אז ס׳איז זיכערע זאך אז מ׳וועט צוקומען און געפינען די פירות פון דעם גן, פון דעם ״גנוני״.

ויהי רצון אז דאס זאל זיין בעגלא דידן ובלי טרחה, און ווי געערעדט כמה פעמים, אז וויבאלד אז ״כל ישראל בני מלכים הם״, איז על פי דין תורה דארף מען זיי ניט מטריח זיין איבעריקס. און צוקומען צו דעם תכלית השלימות במעשינו ועבודתנו במשך זמן הגלות, וועט דאס זיין די הכנה קרובה און די כלי אויף אויפצונעמען דעם רב טוב פון די ימות המשיח ותכלית שלימות השכר, בקרוב ממש ובשמחה ובטוב לבב.

לחיים!

* * *

ט. וואס בהאמור לעיל זעט מען אויכעט נאך א חידוש:

אף-על-פי וואס ווי די גמרא זאגט א תנאי אין גירות – אז מ׳דארף זאגן אז מ׳זאל וויסן זיין אז בני ישראל זיינען ״סחופים ודוויים וכו׳״, ביז וואנעט אז מ׳זאגט אז דאס ווערט א תנאי: ער מוז דאס וויסן אז אידן וויסן דערפון, און כל זמן ער האט זיך ניט מגייר געווען איז פאלט ער ניט אונטער אט דעם גורל; אויב ער וויל זיך אבער מגייר זיין – מוז ער אויף זיך מקבל זיין ״סחופים ודוויים״. וואס לכאורה איז דאס א היפך דערפון וואס מ׳האט גערעדט פריער, ווארום אויב מ׳איז ״סחופים ודוויים״, איז וואס קומט ארויס דערפון וואס מ׳זאגט אז ס׳דא א ביאור אז דאס איז א ענין של ״לגני״?

בשעת מ׳קומט לפועל זאגט תורת אמת, און זאגט אז דאס איז אן ענין עיקרי, ווי אזוי ווערט מען א איד (וואס דאס איז א שינוי, ביז אן ענין פון א הולדה חדשה, וואס ״גר שנתגייר כקטן שנולד דמי״)? איז דאס תלוי אויף דעם ער זאל וויסן זיין אז ער גייט אריין אין דעם סוג וואס זיי זיינען סחופים ודוויים.

י. וואס על דרך זה געפינט מען אויכעט נאך א חידוש, וואס דאס דאך איז א פלא:

[ס׳דאך דא ווי דער רמב״ם איז אין יד החזקה, און ווי ער איז אין מורה נבוכים; האט דאך דאס געשריבן דער זעלבער מענטש, קען מען דאך ניט זאגן אז דאס איז ח״ו סתירות בדבר. נאר וואס דען? אט דאס וואס אין יד החזקה קומט עס ארויס אין אן אופן פון א פסק דין, במילא איז דאס א דבר חתוך, א דבר ברור, אז עס האט מער ניט ווי איין פירוש – איז אין מורה נבוכים איז דאס אין א לשון וואס קען האבן אין זיך פירושים מתאים צו דעם נבוך, צו וועמען די הוראה קומט אן.

אזוי ווי ס׳איז דא נבוכים לשון רבים, דארף מען דאך ביי יעדערן האבן די הוראה וואס איז מתאים לזה; איז די הוראה אויכעט האט דעם פירוש וואס איז מתאים אויף ארויסנעמען אט דעם נבוך פון דער פארבלאנדזשעניש וואוהין ער איז פארבלאנדזשעט געווארן. אבער אף-על-פי-כן די נקודה מוז דאך זיין די זעלבע, ווארום אז דאס איז דאך ארויסגעגעבן אין דעם און דעם לשון וואס האט אין זיך פשוטו של ענין, וואס ״אין ענין יוצא מידי פשוטו״].

וואס עטליכע פרקים אין מורה נבוכים רעדט דארט אויכעט דער רמב״ם בנוגע ווי די השקפה דארף זיין אויף וועלט, צי דאס איז בלשון הידוע – ״הקליפות מושלים בו״ וכו׳, במילא איז דערפון די מסקנא אז דאס איז א היפך פון א גן והפרדס וכו׳, אדער די השקפה דארף זיין מיט אן עין טובה, ווי געערעדט פריער אז דאס איז א פרדס, און א פרדס פון מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואס ער האט אלע וועלטן, און וואו האט ער אויסגעקליבן פאר א פרדס? האט ער אויסגעקליבן אט די וועלט וואס דאס איז עולם הזה הגשמי והחומרי שאין תחתון למטה הימנו.

בשעת מ'לייענט אין די אגרות הרמב"ם, איז דאך דא א אגרת וואס ער באשרייבט זיין לעבן, זיין סדר היום און זיין סדר החיים. זעט מען אז בפועל איז נאך ניט געווען אזא מין מענטש א בעל יסורים. וואס דאס איז שוין געווען בשעת גדלותו, ווען ער איז שוין געווען בחצר פון דעם סולטן, מיט די אלע פרטים ווי ער באשרייבט דארט, די יסורים כפשוטם ווי ער באשרייבט, חולשת הגוף ורוב הטרדות.

על-אחת-כמה-וכמה אז מ'באטראכט זיך, זעענדיק די גדלות הרמב"ם, איז דאך פארשטאנדיק אין וואס ער האט געלעבט און אין וואס ער האט זיך געקאכט. און ווי ער באשרייבט דארטן ווי ס'איז דורכגעגאנגען רוב – בכמות – של יום שלו אין ענינים וואס זיי זיינען לגמרי שלא בערך צו די ענינים אין וועלכע ער לעבט און האט א תענוג צו זיי, וואס דאס איז דאך דער ענין החכמה (און ווי דער רמב"ם איז דאך מפליג בכמה מקומות, על-אחת-כמה-וכמה אין מורה נבוכים, ווי אזוי די שלימות פון א מענטשן איז דער ענין פון שכל שלו, דער ענין החכמה שלו), און ווי ער אליין באשרייבט: דער רוב היום ככולו, אין וואס גייט עס ביי אים אוועק? אין ענינים וואס זיינען שייך צו מעשה ודבור וכו', ניט אין ענינים של עיון, ניט אין ענינים של חכמה.

אף-על-פי-כן, ווי ער קומט צו דער מסקנא אין מורה נבוכים – און זאגט אז דאס איז די השקפה פון א אידן, א השקפה פון תורה – אז מ'דארף קוקן אויף דער וועלט מיט אן עין טובה, מיט א תקוה טובה, מיט א בטחון חזק וכו', ווי ער איז דארט מאריך בכמה תוצאות וואס קומען ארויס פון אט דער הנחה.

יא. וואס על דרך ווי דאס איז בחייו הפרטיים של הפוסק, המורה נבוכים, על דרך זה איז דאס בחייו פון כל עם ישראל:

עם ישראל – זאגט תורת אמת עדות, אז א עיקר בחייהם איז, אז איידער משיח קומט איז מען "סחופים ודוויים", און דאס איז אן עיקר פון אידישקייט. ביחד עם זה זאגט מען א אידן א ציווי – "עבדו את ה' בשמחה". און דערנאך אין דעם זעלבען הוראה, אין דער זעלבער תורה, וואס דאס איז א הוראה, זאגט מען אז ווען איז א איד עובד ה'? איז דאס "בכל דרכיך דעהו". דאס הייסט אז פיר און צוואנציג שעה א מעת לעת איז ער עובד ה', ווי מ'טייטשט דאס אפ: "במאכלו ובשתייתו", און אפילו שלאפנדיקערהייט אויכעט, ווי ער איז מבאר בארוכה אין הלכות דעות, ובקצרה אין שלחן ערוך אין אורח חיים.

קומט דאך אויס אז מ'האט דעם ציווי אז כל זמן ער איז עובד ה', וואס כאמור איז דאס "בכל דרכיך", דארף ער שטייען אין א תנועה פון שמחה. און דאס איז ניט א הוראה בתור טפל, כדי אז דורך דעריף וועט דאס ווערן א הכשר מצוה, וואס דעמאלט וועט זיין די עבודת ה' (כאטש דאס איז טאקע אויכעט אן ענין וואס איז דא בזה).

און וויבאלד אז דאס איז דאך א הוראה וואס קומט פון "תורת אמת", וואס אז תורה זאגט אזוי, אז ער דארף זיין שמח, איז א סימן אז ער האט פון וואס צו זיין שמח. ווארום מ'וועט ביי אים ניט מאנען קיין זאך וואס דאס איז ניט קיין אמת'ע, דאס איז היפך פון "תורת אמת", און דאס איז א תביעה פון תורת אמת.

יב. און דא קומט די הסברה:

אין אט דעם "לגני" – איז פאר דעריף איז דא דער ענין פון "באתי". וואס וואס איז דער אפטייטש פון "באתי"? אז איידער א איד קומט אין וועלט, איז שוין קומט פריער אהינצו דער אויבערשטער. און דער אויבערשטער קומט אהינצו און ער שטייט דארטן אין אן אופן פון "דירה לו יתברך", "עיקר שכינה בתחתונים היתה".

און אט דעמאלט איז בדוגמא פון איינער וואס האט א תענוג גדול ביותר, און בשעת מעשה איז דא א זבוב וואס איז אים עוקץ, וואס ער פילט גאר ניט די עקיצה. ניט אז ער זאגט אז די עקיצה איז ניטא; די עקיצה איז דא, און "שממית בידים תתפש והיא בהיכלי מלך". בשעת ער איז אבער אריינגעטאן אין דעם "באתי", אז ער געפינט זיך מיט דעם אויבערשטן אין דער זעלבער דירה, ואדרבה, כביכול ער האט צוגעגרייט דעם "גני", "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים", און דער אויבערשטער האט אנגענומען זיין איינלאדונג און ער איז געווארן "אושפיזיכין לגבורה" (ווי ער איז מבאר דאס אין תניא בארוכה, ווי אזוי א איד וואס ער זאגט א ווארט תורה און ער איז מקיים איין מצוה, איז מאכט ער שוין פון דער וועלט א "דירה לו יתברך"), צו וועמען? צו "עיקר שכינה"! – איז אט דעמאלט פילט ער גאר ניט די "עקיצה".

יג. ווען ער רעדט טאקע מיט א גוי, איידער ער האט זיך מגייר געווען, וואס דער גוי האט ניט קיין שייכות צו די אלע ענינים, במילא טאר ער אים ניט אפנארן, און ער זאגט אים אז פון שטאנדפונקט פון א גוי אין ענינים חומריים, איז ישראל זיינען "סחופים ודוויים". ווארום אט דאס וואס ער איז צוזאמען מיט'ן אויבערשטן – דאס האט צום גוי קיין שייכות ניט:

דער "ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי", אט דאס איז מער ניט ווי אידן וואס זיי ווערן אנגערופן "עם קרובו", און "מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו". און ווי דער מדרש טייטשט דאס אפ – אז דא שטייט ניט אז ער איז "קרוב לאלקיו", וואס דערצו דארף ער דאך האבן עבודה, הארעוואניע, צוקומען ווערן קרוב לאלקיו; נאר, אז אין וואס פאר א מעמד ומצב ער שטייט ניט – איז "אלקים קרובים אליו", דער אויבערשטער איז זיך מתקרב צו אים.

און אט דעמאלט איז דאס בדוגמא ווי מ'רעדט מיט א סוחר, און מ'זאגט אז ער האט פארדינט א אלף אלפים וריבוא רבבות דינרי זהב, נאר ביום זה האט ער פארלארן א פרוטה; וועט ער קוקן אויף יענער ווי א מענטשן וואס האט קיין שייכות ניט צו הבנה והשגה... ווארום וואס איז דארט נוגע צו האט ער פארלארן א פרוטה צי ניט, אז ער אליין זאגט אז ער האט פארדינט בבת אחת אלף אלפים וריבוא רבבות דינרי זהב?!

במה דברים אמורים, ביי אט דעם וואס ווייס וואס א דינר זהב איז; אט דער וואס האט השגה מער ניט ווי אין א פרוטה של נחושת, אדער נאך נידעריקער – א "פרוטה של אסימון שאין לה פורטין", איז דעמאלט יענער זעט ניט די דינרי זהב. אז ער זעט זיי – ווייס ער ניט אז דאס איז דינרי זהב, ער זעט מער ניט ווי א פרוטה של נחושת, א פרוטה מרוטה, און ער זעט אז זי איז פארלארן געגאנגען.

יד. וואס אויף דערויף קומט די התחלה פון "באתי" נאך פאר דעם "גני": זאלסט וויסן זיין אז דאס איז אן ענין וואס די ערשטע זאך איז "באתי" – איך האב צוגעגרייט און בין געקומען אהינצו און געפין זיך דארטן.

דער אויבערשטער איז אבער "למעשה ידיך תכסוף", ער וויל אז דער איד זאל מאכן פון דעם "גני" פונקט ווי ס'איז געווען פריער, "עיקר שכינה בתחתונים היתה", אזוי זאל דאס איצטער זיין דורך די עבודה פון א אידן. און ער זאגט אים אז אט דעמאלט ווערט "וישכנו לעד עליה": דאס ווערט א ענין נצחי, ווי ער זאגט אין תניא, אז מ'טוט א דבר טוב – איז דאס אן ענין נצחי. אט דא למטה קען ער זיך דערנאך פארנעמען מיט א צווייטן ענין, ביז ח"ו מיט אן ענין הפכי; אבער אין אמיתית הענין, איז אן ענין של מצוה וואס ער האט געטאן – איז דאס אן אייביקע זאך וכן יקום.

און אט דעמאלט ווערט דאס – דער "לעד" – ווערט דאס "עליה":

אז ער איז משכין וממשיך דעם אויבערשטן, די אלקות, בגלוי אין וועלט. וואס הייסט בגלוי? וועלט זעט דאס נאך ניט? מ'וועט דאס דערזען ווען משיח וועט קומען; אבער ביי אים איז דאס שוין בגלוי, ווארום ער האט אין דערויף אריינגעלייגט זיין כח המעשה צוזאמען מיט זיינע כחות וואס האבן אים געבראכט לידי מעשה זה.

טו. וואס דאס איז, ווי כאמור לעיל, די הוראה אויף פשוט'ן לשון:

אז מ'גייט ארויס אין וועלט איז דאך ניטא וואס צו שרעקן. אז מ'פרעגט זיך נאך וואס האט זיך געטאן, הערט מען אלץ ענינים אז ס'איז צוגעקומען נאך א מעשה בלתי רצוי מיט נאך א מאורע בלתי טובה וכו' וכו'; קען ער דאך ביי זיך ווערן א דערשראקענער און אן אראפגעפאלענער – וואס האט ער פאר א שליחות, און ווי אזוי וועט ער דאס קענען ממלא זיין.

זאגט מען אים: ניין! זאלסט וויסן זיין אז דאס מער ניט ביי אט די וואס האבן מער ניט ווי עיני בשר; אט דער אבער וואס אין די עיני בשר איז איידער ער קוקט אויף וועלט איז ביי אים "שאו מרום עיניכם", הויבט ער אויף די אויגן, די עיני בשר זיינע, און גיט א קוק אויפ'ן הימל – אט דעמאלט דערזעט ער "וראו מי ברא אלה", ווער האט באשאפן אט די וועלט אויכעט.

און אט דעמאלט כאפט ער זיך אז דאס איז א וועלט וואס דאס איז פרדס און דער "גני" ו"גנוני" של הקדוש ברוך הוא.

און דאס איז ניט נאר אזוי געווען בשעת דער ערשטן מאל ביי ששת ימי בראשית, וואס דעמאלט איז געווען "באתי לגני"; זאגט מען אים, ניין! דאס איז א פעולה נמשכת: דאס גייט אזוי אן די בריאת העולם, כתורת

הבעל-שם-טוב, אז די בריאה איז ער "מחדש בכל יום תמיד", פונקט ווי ס'איז געווען מעשה בראשית אין די ששת ימי בראשית – אט אזוי איז אויכעט דער "באתי לגני" בכל יום. און ווי מ'איז מוסיף אין דערויף: "בכל יום" לאו דוקא, נאר בכל רגע מאין ואפס המוחלט ממש, צוזאמען מיט דעם "באתי לגני".

טז. און אט דעמאלט איז אט דאס וואס ביי א גוי איז "סחוף ודווי" – וואס על פי תורה איז דאס אזוי לגבי א גוי – איז ביי אים דאס איז אינגאנצן אן קיין תפיסת מקום. ווארום פארלירן א פרוטה לגבי אלף אלפים וריבוא רבבות דינרי זהב, איז דאס טאקע אינגאנצן ניט תופס מקום, ס'האט אבער עפעס א שייכות, זיי זיינען ביידע אין דעם סוג פון כסף וזהב, ביידע אין דעם סוג פון ממון, פון געלט. בשעת מ'רעדט אבער דאס וואס ער איז צוזאמען מיט'ן אויבערשטן בדירה אחת, און אט דאס וואס איז סחוף ודווי בנוגע צו אן ענין גשמי – דאס איז ניט א חילוק אין כמות (אמת טאקע שלא בערך, אבער אלץ פון די זעלבע איכות, מער ניט ווי א חילוק אין כמות); דאס איז א חילוק שלא בערך אין איכות.

וואס דערפון פארשטייט מען בכל-שכן וקל-וחומר: מה דאך אז ס'האט קיין ארט ניט צו זאגן אז מ'זאל מיט אים רעדן וועגן דערויף וואס ער האט געהאט א הפסד פון א פרוטה, בשעת ער האט ערשט געוואונען, פארדינט, אלף אלפים וריבוא רבבות דינרי זהב – כל-שכן וקל-וחומר אז ס'האט מיט אים ניט קיין ארט צו רעדן וועגן א פארלארונג אין סחוף ודחוף, אין ענינים וואס ער האט א שייכות מיט א גוי, לגבי אט די ענינים וואס ער האט "לגני" עם הקדוש ברוך הוא.

יז. דערנאך קומט אבער צו דער "אין ענין יוצא מידי פשוטו":

בשעת ער ווערט דורכגענומען מיט אט דעם געדאנק, מיט דער השקפה על פי תורה, אז ער מיט דעם אויבערשטן געפינען זיך אין דער זעלבע דירה, און ס'איז לגמרי ניט תופס מקום די זייטיקע ענינים, וויבאלד אז ער האט דעם גרעסטן גליק וואס עס קען זיין – אט דעמאלט ווערט דער "באור פני מלך חיים".

על דרך ווי ער איז דערנאך מבאר אין דעם המשך הענינים, אז ס'קומט אראפ די אוצרות יקר מכל יקר, און דאס קומט אראפ ביז למטה מעשרה טפחים, אויסגעטייטש און איבערגעזעצט אויף דעם לשון און אין די ענינים וואס איז פארבונדן מיט זיין גוף ונפש הבהמית – אז ער האט דער רב טוב גשמי בבני חיי ומזוני רוויחא, און ער לערנט תורה און איז מקיים מצות, ובנקודה התיכונה – ער מאכט א דירה לו יתברך בתחתונים מתוך הרחבה והרווחה כפשוטם בגשמיות.

און אט דאס ווערט די הכנה און די כלי צו ימות המשיח, וואס ווי דער רמב"ם זאגט, אז "לא נתאוו חכמי ישראל והנביאים לימות המשיח" מצד זייטיקע זאכן, נאר דערפאר וואס דעמאלט וועט זיין די "מעדנים כעפר", און ס'וועט אלץ זיין בשופי – וועט מען זיך קענען אפגעבן מיט חכמה ודעת והאמת, ביז אין אן אופן פון "כמים לים מכסים", בקרוב ממש בביאת משיח צדקנו.

לחיים!

* * *

יח. מצד די ענינים וואס מ'האט פריער גערעדט, קען מען לכאורה פרעגן: פונקט אזוי ווי דער לשון וואס ער ברייננגט גלייך אין מאמר איז "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים" – אזוי האט געקענט אין פסוק אויכעט שטייען א לשון וואס איז פארבונדן מיט דירה, אדער בית וכיוצא בזה, ווי דער לשון הרגיל אין תנ"ך בנוגע צו א דירה, ובפרט צו אן עיקר דירה. און דא האט דער פסוק אויסגעקליבן דוקא דעם ווארט "גני".

וואס באמת דאס איז אויכעט בדיוק:

דער וועלט ווערט דאך אנגערופן "דירה לו יתברך", מיטן לשון דירה, און ס'האט נאך כמה וכמה שמות, וואס איינער פון די שמות איז אויך דער לשון "גני", וואס בשעת מ'טייטשט אפ "גנוני" – איז דאס טאקע אן ענין וואס איז פארבונדן מיט דירה, אבער אין וואס פאר א דירה איז דאס? דאס איז פארבונדן מיט – "אין מקרא יוצא מידי פשוטו" – מיטן ווארט "גני", וואס דער אפטייטש פון דעם איז – פרדס, א גארטן.

און ווי דער מדרש אליין איז מדייק: אז ס'וואלט געשריבן "באתי לגן" – וואלט מען נאך ניט געוואוסט אז דאס מיינט מען "גנוני" (א דירה); און נאר בשעת ס'קומט צו א יו"ד – איז אט דעמאלט טייטשט מען דאס אפ "גנוני". וואס א "קא סלקא דעתך" אין תורה איז דאך אויכעט תורה, וואס דערפאר איז דאך בכמה ענינים, פון

א קא סלקא דעתך גופא לערנט מען אפ הוראות, ביז אפילו הלכות למקום אחר, אף-על-פי וואס אין דעם ארט איז דאס מער ניט ווי א קא סלקא דעתך און די מסקנא בלייבט באופן אחר.

יט. וואס דער חילוק פון א דירה מיט א פרדס (ווען מ׳געפינט זיך אין דעם פרדס אין אן אופן פון ״עיקר דירה״) איז:

אין א דירה געפינט ער זיך טאקע דארטן, און דאס איז אין אים מוסיף כמה וכמה ענינים, ביז וואנעט אז מ׳זאגט ״כתפארת אדם לשבת בית״ – טייטשט מען דאך אין דעם: אז ס׳קומט צו א תפארת אין דעם אדם דורך דערוף וואס ביי אים ווערט ״לשבת בית״, אז ״יש לו בית״; דאס איז אבער אין אן אופן ווי א דירה איז – אז ווי מ׳האט איר אויפגעבויט אט אזוי איז זי.

אדרבה: מזמן לזמן דארף מען נאך האבן אין איר א תיקון. אויב זי איז געבויט געווארן פון דברים חזקים ביותר, איז דאס א תיקון קל. אבער על כל פנים זאגן אז ס׳קומט עפעס צו אין דערויף; איז דאס ווי ער האט איר אויפגעבויט און ווי ער האט איר מקשט געווען מיט כלים נאים – אט אזוי בלייבט דאס. און אט דאס איז כל שלימות הדירה.

ביי א פרדס – ניט דאס איז די שלימות. די שלימות פון א פרדס איז, אז דאס שטייט ניט אויף אן ארט; דאס האלט אין וואקסן. דאס האט אין דערויף דעם ענין, אז כדי אויפצוהאלטן דעם פרדס ווי ער דארף צו זיין – דארף ער האבן א טרחה רבה.

ביז וואנעט אז ס׳קומט שביעית, וואס אט דעמאלט דארף זיין מנוחה, טאר ניט זיין עבודת הפרדס, ווי דער פסוק איז אין דערויף מאריך און שולל כמה וכמה עבודות וואס מ׳דארף האבן אויף אופהאלטן דעם כרם, און ער איז דאס אסור דערפאר וואס דאס איז א שנת שבתון, אז ס׳דארף זיין מנוחה; איז דאך דערפון גופא די הוכחה אז דאס איז היפך המנוחה והשלוה, ווארום ער דארף אויפהאלטן דעם כרם אז דער כרם זאל זיין א כרם ראוי לשמו.

און אין דערויף גופא – איז דא אויכעט דער חילוק פון א כרם וגן לגבי א שדה, איז ווי גערעדט פריער: ביי א כרם וגן איז א טרחה רבה יותר, און ביז מ׳דערזעט פירות – דארף מען ווארטן א זמן ארוך יותר. מה-שאין-כן אין שדה הלבן, אין א שדה שכפשוטו, אין א שדה של תבואה.

כ. וואס דער ענין אין דעם איז:

אז מ׳פרעגט א שאלה צו וואס דארף מען האבן דעם גאנצן טומל, מיט דער ירידה ״מאיגרא רמה לבירא עמיקתא״, אויף מאכן א וועלט וואס דערנאך זאל זיין ״לעשות – לתקן״, און דאס קומט אן אין אן אופן וואס מ׳דארף אויף דערויף הארעווען, ״סחופים ודוויים וכו׳״, כדי דערנאך זאל זיין ״לתקן״? ס׳האט דאך מלכתחילה געקאנט זיין א עולם כתיקונו. און וואס ער איז דאך טאקע געווען כתיקונו, ווי ער זאגט גלייך אין אנהויבסט מאמר – אז ״עולם על מילואו נברא״, און דערנאך על ידי החטא איז געווען די ירידה.

איז מען מסביר, אז ״ירידה צורך עליה״. און וואס הייסט ״צורך עליה״? ניט ער דערגרייכט צו די שלימות ודרגא ווי ס׳איז געווען קודם הירידה – האט מען דערביי גארנישט ניט פארדינט, צוליב דערויף האט מען ניט געדארפט האבן די ירידה; ס׳ווערט אן עליה שלא בערך ווי דער מעמד ומצב איז געווען פאר דעם.

כא. וואס אט דאס איז אויכעט, כאמור, פון די הוראות למעשה בפועל:

אז א איד באקומט א הוראה, און ער בעט זיך אז וואס דארף ער גיין הארעווען; ער דארף האבן א שיעור בתורה – וועט ער האבן דעם שיעור בתורה, ער דארף מקיים זיין הנחת תפילין ושאר המצות שבמשך היום – וועט ער דאס טאן, אבער דערנאך דארף מען אים מער ניט מאטערן.

זאגט מען אים – ניין, דיין תפקיד איז: דו דארפסט אויפשטעלן אן אילן עושה פרות, אט דאס דארפסטו מאכן פון דיין חלק אין וועלט.

וואס אין דערויף איז די צוויי נקודות:

(א) ער טאר זיך ניט באגנוגענען מיט דעם וואס זיין חלק בעולם שטייט על מעמדו ומצבו, אז היינט איז דער זעלבער מעמד ומצב ווי ס׳איז געווען נעכטן, און מארגן וועט דאס זיין דער זעלבער מעמד ומצב פון היינט; ער וועט זען עס זאל ניט קאליע ווערן, אין דערויף איז געגוג דער ארבעט.

זאגט מען אים – דאס איז אן ענין פון א דירה; דו געפינסט זיך אין א וועלט וואס דא דארף זיין א פרדס! א פרדס – איז די אלע זאכן וואס איז דא אין פרדס דארפן וואקסן: איז דאס ענבים, איז דאס זיתים, אט וואס פאר א אילן פירות דאס זאל ניט זיין – דארף דאס וואקסן.

דערנאך זאגט מען אים נאכמער: ס׳איז דאך דא אילני סרק, וואס לכאורה אין טבע קען פון זיי ניט זיין קיין פירות; זאל ער וויסן זיין, אז דאס איז מצד החטא, דאס איז דערפאר וואס די וועלט – פרדס – איז ניט ווי עס דארף צו זיין, און אים האט מען געשיקט אז ס׳זאל זיין ווי קודם החטא, אז אילני סרק זאלן אויכעט נושא פרות זיין, על דרך ווי ס׳איז געווען קודם החטא, נאר אדרבה – ביתר שאת וביתר עוז.

(ב) און "האדם עץ השדה" – ווי מ׳זאגט בפרט בנוגע צו חמשה עשר בשבט, וואס איז קרוב לבא – אז יעדער איד, יעדער מענטש, איז דאס אן עץ השדה. וואס דא איז דער לשון "עץ", וואס דאס באווייזט דאך אויף אן ענין של אילן עושה פרות, און ווי די גמרא טייטשט דאס אפ אין תענית – אז דאס איז א תלמיד חכם וכו׳, מיט די אריכות הביאור בזה.

איז זאגט מען אים, אז בשעת ער באגנוגנט זיך ניט מיט ארבעטן מיט זיך אליין, נאר ער ארבעט מיט א צווייטן אידן, "האדם עץ השדה" – דארף דער צווייטער איד ווערן על ידי עבודתו והשתדלות שלו ווי אן עץ וואס ער געפינט זיך אין א פרדס: אז ניט נאר אז דער עץ אליין איז ווי ס׳דארף צו זיין, א געזונטער עץ, נאר אין וואס באשטייט די שלימות פון אט דעם אילן? אז ער איז עושה פירות ו"פירותיך כיוצא בו".

דאס הייסט, אז דער עץ האט פירות וואס זיי האבן גרעינים, וואס פון די גרעינים וועט מען פארזייען זיי – וועט אויסוואקסן ווייטער אן אילן עושה פרות, וואס ער וועט האבן גרעינים וכו׳ וכו׳ עד אין סוף.

כב. און אט דאס איז דאך געווען דער אופן העבודה פון דעם בעל ההילולא, אז ער האט זיך ניט באגנוגנט בעבודתו כפי שהוא לעצמו, ער האט זיך ניט באגנוגנט מיט נעמען אן אידן און מאכן אז דער איד זאל זיין א לומד תורה ושומר מצותיה; נאר ער האט געוואלט עס זאל ווערן א "טופח על מנת להטפיח": אז אט דער איד זאל ווערן א משפיע, ער זאל ווערן אן אילן עושה פירות, וואס אט די פירות זאלן האבן גרעינים וואס פון די גרעינים וועט ווייטער אויסוואקסן נאך א אילן און נאך א אילן און נאך א אילן.

וואס אט דאס איז אריינגעשטעלט אין דער ווארט "גני":

דער ביאור איז, אז דארט געפינט זיך דער אויבערשטער אין אן אופן של דירה קבועה, און דער אויבערשטער – ווי דער אויבערשטער שטייט אין אן אופן פון עיקר שכינה. אבער דורך וואס ווערט דאס? אז מ׳מאכט פון וועלט א "גני": אז מ׳טרעפט זיך מיט אן אידן, איז אט דעמאלט דארף ער זען אז דער איד זאל ווערן אן אילן, אן אילן בשלימות. דערנאך דארף ער זען אז די פירות פון אט דעם אילן זאלן זיין ווי פירות פון אן אילן וואס געפינט זיך אין א פרדס, דאס הייסט, אז פון די פרות דארף דערנאך ווייטער וואקסן אילנות וכו׳ וכו׳, ער מאכט פון דעם צווייטן אידן א "טופח על מנת להטפיח".

כג. און דערנאך זאגט ער, וואס דארף ער גיין זוכן שווערע ארבעט? ער קען זיך פארנעמען מיט תבואה וואס זי איז "צומחת לנ״ב יום"; זאגט מען אים: ניין, דא דער ארבעט איז, אז אין וועלט דארף מען מאכן אן ענין של פרדס, פון אילנות. און אן אילן ווערט דאס ניט אין עטליכע טעג, ס׳ווערט ניט אין א פאר וואכן.

במילא, אז ער שרייט אז ער האט געהארעוועט מיט יענעם נ״ב יום און ער זעט ניט קיין תבואה, במילא גענוג – וואס וויל מען מיט אים האבן, ער וועט גייען זוכן א צווייטן אידן; זאגט מען אים: ניין, דו געפינסט זיך אין א פרדס, קען זיין אז דאס איז אזא מין אילן וואס ביי אים דארף דאס געווערן א יאר, און צוויי יאר און דריי יאר, ביז "ימי שנותינו בהם שבעים שנה", א תמר וואס איז עושה פרות לשבעים שנה.

קומט צוגיין דער מלך רומי און טענה׳ט מיט אים: וואס וועסטו האבן דערפון דער נוצן? דו ביסט אן אלטער איד, הארעוועסט מיט א צווייטן וואס קען זיין אין זיבעציג יאר ארום וועט ער ווערן אן אילן עושה פרות, וואס וועסטו האבן דערפון? ענפערט ער אים: אזוי ווי זיינע עלטערן האבן פאר אים צוגעגרייט, אזוי וועט ער צוגרייטן פאר זיינע קינדער. וואס איז געווען דער סוף? אז ער האט געזען אליין די פירות טובות, וכסיפור הידוע אין מדרש.

כד. וואס אט דאס איז די הוראה, ווי גערעדט פריער, בנוגע "המעשה הוא העיקר":

״מצוה הבא לידיו״, איז ניט דער פירוש ער דארף זיך ארומקוקן: איז דאס א זאך וואס ער האפט ער וועט זען פירות בו ביום, אדער אויף מארגן, אדער נ״ב יום – איז דאס פאר אים אן ארבעט; און אז ניט – האט ער ניט קיין געדולד, אדער ער רעכנט אז ס׳איז א שאד זיינע כחות וכו׳.

זאגט מען אים, אז די הוראה איז – אז דאס איז אן ענין של גן ופרדס, און אן ענין של גן ופרדס, איז אמת טאקע דו וועסט דארפן האבן מערער טרחה, ס׳וועט געווערן זמן ביז ס׳וועלן זיין פירות, דערפאר וועלן אבער די פירות הבאים פון אן אילן שלא בערך מער חשוב׳ער ווי אט די פירות וואס וואקסן אויף לנ״ב יום וכו׳, כמבואר בארוכה בנוגע דער חילוק פון זריעה ביז נטיעה, בנוגע דער חילוק פון א שדה הלבן און שדה האילן, ביז אין חילוקים בהלכה וכו׳ וכו׳.

וואס אט דאס איז אויכעט דער דיוק אין דער הוראה פון בעל ההילולא:

פונקט אזוי ווי ״עבודתו אשר עבד בה״ איז ניט געווען הארעווען מיט אט די וואס מ׳זעט גלייך פירות טובות, נאר ״שלח לחמך על פני המים״, און ס׳איז א זיכערע זאך אז ״תמצאנה״; נאר ס׳קען זיין אז דאס וועט נעמען ״ברוב הימים״ –

אט אזוי איז די הוראה פאר יעדערן ההולך בעקבותיו, און פאר יעדערן וואס געפינט זיך אין דרא דעקבתא דמשיחא – אז מ׳דארף צוזאמענקלייבן ״ואתם תלוקטו לאחד אחד״. ס׳קען ניט קומען די גאולה ביז וואנעט אז ס׳וועט זיין אין אזא מין אופן אז קיין איין איד וועט ניט בלייבן אין גלות; דארף מען זיך אפגעבען מיט יעדער אידן. און ניט שרעקן זיך טאמער דארף מען האבן א טרחה יתירה, און טאמער וועט דאס געווערן לענגער ווי מ׳שטעלט זאך פאר, אדער ווי מ׳האט געמאכט אלע ערליי חשבונות.

כה. און ס׳איז א זיכערע זאך אז וויבאלד אז דאס איז א גן, און דאס איז ניט סתם א גן, נאר דאס איז ״גני״ פון דעם אויבערשטן, איז א זיכערע זאך אז ״הקדוש ברוך הוא עוזרו״ – אז ״באתי״: דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אים צוזאמען, ״עמו אנכי בצרה״, אין די מיצרים וגבולים פון דעם עולם הזה החומרי, על-אחת-כמה-וכמה פון עולם הזה הגשמי.

און דעמאלט האט ער ביי זיך, אז דורך דער ״מקדש עצמו מעט מלמטה״ – איז ״מקדשין אותו הרבה מלמעלה״, און ער האט א הצלחה רבה ומופלגה, ווי גערעדט פריער, אויפשטעלן א ״כרם ה׳ צבאות״, וואס זאל געבן ענבים טובים, ביז אין אן אופן אז ער מאכט אז אילני סרק זאלן אויכעט געבן פרות טובות.

און ער נעמט מיט כל עניניו בחלקו בעולם, וכל העולם כולו – איז ער אים מכריע לכף זכות, און ער גייט אויף מקבל זיין די הנהגה פון ״ואולך אתכם קוממיות״, ״בקומה זקופה״, ווי רש״י טייטשט אפ, ובלשון פון היינטיקע סדרה: ״ובני ישראל יוצאים ביד רמה – בריש גלי״, בקרוב ממש, על ידי גואל ראשון און גואל אחרון, דער משה וואס ״אתפשטותא בכל דרא ודרא״, וואס ״והקיצו ורננו שוכני עפר״, והוא בתוכם, ארויסגיין פון גלות קוממיות לארצנו.

לחיים!

* * *

כו. צוה לנגן ואמר מאמר ד״ה באתי לגני.

* * *

כז. מ׳האט דאך פריער גערעדט (אין מאמר) בנוגע צו ״כל בעלי השיר יוצאין בשיר ונמשכין בשיר״, וואס דאס האט דאך אויכעט א שייכות לשבת זו, צו דעם חלק בתורה וואס מ׳לערנט במשך השבוע פון פ׳ בשלח, וואס ווערט אויכעט אנגערופן ״שבת שירה״, על שם השירה וואס מען זאגט אין דער הפטרה, און וואס די הפטרה דארף דאך זיין בהתאם ובהמשך צו תוכן הסדרה, וואס דער ענין השירה געפינט זיך דאך אויכעט אין דער סדרה.

ובפרט געפינט זיך דאס אין דעם חלק הסדרה וואס איז פארבונדן מיט יום ההילולא, מיט יום רביעי, וואס דאס איז דאך דער חלק פון רביעי ביז חמישי – וואס עס רעדט זיך וועגן די שירה, אנהויבנדיק פון שירת משה ובני ישראל, און דערנאך איז מען מסיים מיט ״ותקח מרים גו׳ את התוף בידה ותצאן כל הנשים אחריה״.

וואס דערפאר איז אויכעט בפשטות דער טעם וואס מ׳האט אויסגעקליבן די הפטרה פון דער סדרה – דער ענין פון שירת דבורה.

כח. מען דארף נאך אבער פארשטיין:

אין תנ״ך איז דאך דא א שירה אויכעט פון א מאנסביל, וואס דאס איז שירת דוד, וואס דאס איז דאך ניט נאר אין תהלים; הפטרות נעמט מען דאך פון נביאים, איז דאך אויכעט דא אבער שירת דוד אין נביאים, אין שמואל. אף-על-פי-כן האט מען קובע געווען די הפטרה ניט מיט שירת דוד – על דרך ווי מ׳האט איר קובע געווען אין פרשת האזינו – נאר מ׳האט אוסגעקליבן ״ותשר דבורה״.

וואס לכאורה, דער עיקר אין סדרה איז דאך שירת משה ובני ישראל, וואס דערפאר קומט זי דאך בפרטיות ובארוכה, מה-שאין-כן אין שירת מרים ווערט דאס געבראכט מערניט ווי בתור טפל: ס׳איז ניט נאר אין המשך הכתובים ובסדר ווי מ׳האט געזאגט די שירה – פריער איז געווען ״אז ישיר משה״ און דערנאך ״ותקח מרים״; נאר אויכעט אין דעם תוכן – איז דאך שירת מרים ווערט מערניט ווי געבראכט די התחלה. און ווי מפרשים זיינען מפרש, אז דערנאך האט זי מסיים געווען כל השירה על דרך ווי ס׳איז געווען אין שירת משה, אבער דער פסוק דארף דאס ניט איבער׳חזר׳ן, וויבאלד אז מ׳זאגט אז זי האט געזאגט די שירה אנהויבנדיק פון דער התחלה.

וואס על פי זה קומט דאך אויס, האט מען געדארפט קובע זיין – בדוגמא ווי מ׳האט קובע געווען אין האזינו – די הפטרה פון שירת דוד, וואס זי איז דאך בדוגמא פון א שירה פון משה, ובפרט נאך אז דוד און משה האבן דאך א שייכות – וואס ״גואל ראשון הוא גואל אחרון״, ווי ער זאגט אין מדרש, מיט די אלע פירושים וואס ס׳איז דא בדבר.

כט. איז דאך ידוע אין דערויף די שיחה פון דעם אלטן רבי׳ן, וואס דארטן שטעלט ער זיך אויכעט אויף דערויף וואס דא ווערט די קשיא נאך א גרעסערע:

די הפטרה פון שביעי של פסח, וואס דעמאלט לייענט מען בתורה אויכעט פון בשלח, סיי שירת משה סיי שירת מרים – איז די הפטרה ניט ״ותשר דבורה״, נאר דוקא שירת דוד. און אז ס׳קומט אבער בשלח אין פרשת בשלח, איז אט דא קלייבט מען אויס ״ותשר דבורה״; ניט שירת דוד, ווי אין דער הפטרה פון שביעי של פסח. וואס איז דאך נאך מער קשיא ווי פון פרשת האזינו, וואס דעמאלט, איז די קריאה בתורה אויכעט פון פרשת בשלח, אין שביעי של פסח.

און ער איז מבאר, אז ״ותשר דבורה״ באווייזט אויף דעם ענין פון ספירת המלכות, וואס דאס איז עלמא דנוקבא, מיט דער חשיבות מיוחדת, וואס דערפאר האט מען קובע געווען אין דער הפטורה דוקא ״ותשר דבורה״, ניט שירת דוד וכיוצא בזה, וואס איז פארבונדן מיט עלמא דדוכרא, און ווי ער איז מבאר דארט בשיחה פון דעם שווער, וואס ער איז דארט מבאר די תורה פון דעם אלטן רבי׳ן בזה.

ל. וואס ווי איבערגעטייטשטש די תורה פון דעם אלטן רבי׳ן בנוגע למעשה בפועל, איז די הסברה בזה – פון דעם אונטערשייד ווי מ׳זעט פון דעם זמן ווען מ׳האט געזאגט שירת משה און דער זמן ווען ס׳איז געווען ״ותשר דבורה״, כפי שיתבאר לקמן.

וואס על פי זה וועט זיין אויכעט פארשטאנדיק, פארוואס לפי זמן ההוא, ווען מ׳האט געזאגט די שירת משה און דערנאך מרים, איז דעמאלט אן עיקר – שירת הגברים, שירת משה ובני ישראל, און מרים ו״כל הנשים אחריה״ קומט בתור טפל; און אין דעם זמן וואס ס׳איז געווען דער ״ותשר דבורה״, איז אויך געווען ״וברק בן אבינועם״, ער איז אבער געווען בתור טפל צו ״ותשר דבורה״. וואס דאס איז דאך דער פירוש הפשוט אין ״ותשר דבורה״ – דער עיקר, ״וברק בן אבינעום״ איז געווען א טפל לה.

וואס דערפון וועט מען אויכעט פארשטיין די הוראה, אז אין אזא מין ענין וואס דאס איז בדוגמא ווי זמן משה, איז אט דעמאלט קומט דער עיקר העבודה – וואס א טייל פון עבודה איז דאך דער ענין השירה – איז קומט דאס על הגברים; אין א זמן וואס ער איז בדומה צו דעם זמן פון דבורה, איז אט דעמאלט דער עיקר העבודה והשירה – וואס דאס איז די הודאה אויף דער הצלחת העבודה – איז דאס מערער ביי נשים, ״וברק בן אבינועם״ קומט א טפל לזה.

לא. וואס איז דער חילוק אין מצב פון אידן ווי ס׳איז געווען בשעת שירת משה און ווי ס׳איז געווען ביי שירת דבורה?

ביי שירת משה זיינען אידן נאך געווען אין מדבר, ״נבוכים הם בארץ סגר עליהם המדבר״, און דערנאך ווען מ׳איז ארויס פון ים סוף, איז מען אריין אין מדבר, וואס דאס איז ״מדבר הגדול והנורא, נחש שרף ועקרב״, און מ׳האט געדארפט גיין אין ״ארץ טובה ורחבה״, וואס ערשט דארטן זאל ווערן א בית לישראל, וואס דארטן זאלן אידן האבן א מקום מנוחה און א בית דירה, ביז ״המקום אשר יבחר ה׳ אלקיך בו״ – דער ענין פון ״באתם גו׳ אל המנוחה ואל הנחלה״.

אין דעם זמן פון ״ותשר דבורה״ זיינען אידן שוין געווען אין ארץ ישראל, און האבן שוין געהאט כמה וכמה שופטים פאר דעם, און האבן שוין געהאט דעם משכן מיטן ארון, און ס׳איז שוין געווען דער ״שבע שכבשו ושבע שחלקו״ כמה דורות וכמה זמן לפני ״ותשר דבורה״.

וואס האט מען דעמאלט געדארפט האבן א מלחמה (וואס דאס איז א מלחמה בגשמיות, פארבונדן מיט מלחמה רוחנית, וואס דערנאך איז געקומען די שירה והודאה על זה), וואס ס׳איז דאך פארשטאנדיק, אז דער וואס איז דער עיקר אין דער מלחמה, אין דער טרחה, איז אויכעט ביי אים דער עיקר השירה?

זיינען אידן שוין געווען אין ארץ ישראל, דאס הייסט, זיי האבן שוין געהאט א בית דירה. אבער אין אט דער הויז האבן זיך נאך געפונען פלישתים און צידונים – מיט די אלע פעלקער וואס ער רעכנט אויס אין שופטים בארוכה – וואס האבן זיך נאך דעמאלט געפונען אין ארץ ישראל.

ד.ה. אז זי ווערט דעמאלט שוין אנגערופן ״ארץ ישראל״, וואס אידן האבן דאס שוין איינגענומען ״וירשת״, און נאכמערער – ״וישבת בה״, ווי ער טייטשט אפ אין ספרא, אז דאס איז ניט נאר ״שבע שכבשו״, נאר אויכעט ״שבע שחלקו״ – אז מ׳האט דאס שוין פאנאנדערגעטיילט; יעדער האט געהאט גפנו ותאנתו, ד׳ אמות שלו.

און אין אט דער אידישער הויז, אין דעם גפן ותאנה און דירה שלו – רייסט זיך אריין א פלישתי, און מלך יבין וכו׳ וכו׳, פון די אלע ל״א מלכים וואס ס׳איז געבליבן די שיריים שלהם. ביז וואנעט אז זיי ווילן אפרייסן אידן פון תורה, ביז וואנעט אז ס׳איז ניט געווען דער גאנצער – ווי מ׳טייטשט אפ אין שירת דבורה גופא – ווי אזוי ס׳איז דעמאלט ניט געווען קיין כלי זיין ביי אידן, בגשמיות, פארשטאנדיק – דערפאר וואס ס׳איז ניט געווען ברוחניות.

און מ׳האט געדארפט מגין זיין אויף ארץ ישראל, אז די גויים וואס האבן זיך אהינצו אריינגעכאפט זאלן ניט קענען האבן דארט די שליטה; אדרבה, ס׳זאל זיין ״ותגבר יד ישראל״.

לב. וואס דאס איז בדוגמא ווי גערעדט פריער:

בשעת מ׳דארף נעמען פון וועלט און ערשט מאכן דערפון א ״דירה לו יתברך״, וואס דורך וואס מאכט מען דאס? דורך ״ושכנתי בתוכם – בתוך כל אחד ואחד״: מ׳דארף פון וועלט מאכן דערפון א דירה פאר א אידן – איז ״האיש דרכו לכבוש ואין האשה דרכה לכבוש״. ד.ה. כפשוטו: אז מ׳דארף ארויסגיין אין וועלט פארדינען אויף דער הוצאה, ברענגען חטים און ברענגען שעורים – איז דאס דארף טאן דער בעל.

ווארום די וועלט איז א ״מדבר הגדול והנורא, נחש שרף ועקרב״, ס׳איז מערניט, ווי גערעדט פריער, דאס איז דער ״פרדס״ פון הקב״ה, וואס דער אויבערשטער וויל מ׳זאל פון דארט ארויסווארפן די אלע ענינים בלתי רצויים, ווער דאס געבן ענבים טובים (ניט ח״ו פארקערט, ווי ער זאגט אין נבואת ישעיה, ״ויקו לעשות ענבים ויעש באושים״). וואס בנוגע אט דעם ענין – איז ״כל כבודה בת מלך פנימה״ דוקא, אבער ארויסגיין בחוץ מלחמה האבן – קען זי מערניט ווי צוהעלפן דעם מאן.

איז אט דעמאלט איז דער עיקר שירה – ״אז ישיר משה ובני ישראל״, און נאר דערנאך איז ״ותקח מרים גו׳״.

בשעת ס׳קומט אבער אז מ׳האט שוין אויפגעבויט א הויז, און אין דער הויז איז שוין דא בנים ובנות, און אט דא קומט צוגיין אימיצער און וויל משפיע זיין א השפעה פון ז׳ אומות, אדער פון ל״א מלכים מיט די אלע פרטים שבדבר –

אט דא, אז ס׳רעדט זיך ווי אזוי עס זאל זיין די הנהגת הבית, איז דער עיקר טרחה און דער עיקר הנהגה און דער עיקר שליחות – ליגט דאס אויף דבורה. זי מוז האבן די הילף פון דעם מאן, ״וברק בן אבינועם״; ער קומט אבער בתור טפל. דער עיקר בבית איז די ״עקרת הבית״, וואס דאס גייט אויף דער פרוי.

דאס הייסט: בשעת מ׳ברענגט חטים מבחוץ, און ווער ברענגט דאס אריין לבית? ברענגט דאס אריין דער מאן. אבער דערנאך איז – ווי די גמרא זאגט – ״חטים כוסס, שעורים כוסס?!״; דארף זיין דער ״עזר כנגדו״, אז מ׳מאכט פון חטים ושעורים א מאכל ראוי, א מאכל אדם.

לג. און דאס איז דער ביאור בנוגע דער הפטרה:

אז ס׳רעדט זיך וועגן דער הפטרה, ד.ה. נאך דערויף ווי מ׳האט שוין אפגעלייענט די סדרה, וואס תורה איז שוין געווארן א בעל-הבית אין וועלט – האט ער שוין ״איינגענומען״ די וואך מיט דער קריאת הסדרה במשך ששת ימי השבוע, ווארום ס׳איז שוין דא דער ״בשני ובחמישי״ וואס מ׳לערנט פון פרשת השבוע, ובפרט די הוראה פון דעם אלטן רביין, אז בכל יום לערנט ער דעם חלק הפרשה וואס איז פארבונדן מיט דעם טאג: ביום ראשון – פון התחלה ביז שני, ועל דרך זה ביום שני וכו׳ –

איז במילא, אז ס׳איז שוין געווען דער ״טרח בערב שבת״, וואס דער עיקר הטרחה ליגט דעמאלט על הבעל – איז אט דעמאלט, אז ס׳קומט שבת, איז נאך דערויף ווי ער לערנט די סדרה, און ער איז שוין מנוחה, ובביתו, איז אט דעמאלט ווערט די עבודה פון דער הפטרה, וואס אט דא איז דער עיקר עבודה – איז דאס אויף דבורה הנביאה.

זי מוז טאקע האבן דעם סיוע פון ״וברק בן אבינועם״, אבער הויבן הויבט זיך אן מיט ״ותשר דבורה״, און דערנאך קומט אלס טפל – ״וברק בן אבינעום״.

וואס אט דאס איז די הוראה איןביידע אופנים:

בנוגע צו פרשת השבוע אליין, וואס דאס איז ווי מ׳דארף אראפברענגען תורה אין וועלט, לייענען תורה און מאכן דערפון א הוראה בחיי יום יום, איבערמאכן וועלט אז עס זאל ווערן א תורה וועלט – איז ״האיש דרכו לכבוש״, און די התחלה איז פון ״אז ישיר משה״, און ערשט דערנאך קומט מרים ו״כל הנשים אחריה״.

בשעת דאס האט זיך שוין אפגעטאן, און מ׳קומט דערנאך צו דער ״הפטרה״ – וואס דער טייטש פון ״הפטרה״ איז, מסיים זיין און מוסיף זיין לאחרי עבודה זו – אט דעמאלט איז די עבודה פון דער ״עקרת הבית״, ולאחרי זה – איז איר מסייע דער בעל הבית.

לד. וואס דאס איז אויכעט די הוראה, כמדובר כמה פעמים, בנוגע דאס וואס מ׳טענה׳ט צום מעמד ומצב פון עקרת הבית, אז זי איז ניט מיט דער שטארקייט ווי דאס איז בנוגע לבעל-הבית – איז דער ענטפער אז דאס הענגט זיך אפ אין וואס פאר א ענינים:

אויב דאס איז אן ענין פון כיבוש – איז אט דעמאלט ״האיש דרכו לכבוש ואין האשה דרכה לכבוש״; אויב דאס איז אן ענין פון בית – איז אט דעמאלט דער היפך: איז זי די ״עקרת הבית״, און ״ברק בן אבינעום״ קומט ערשט נאכדעם, ובתור טפל.

וואס אט דאס איז אויכעט די הוראה, כמדובר כמה פעמים, אז תורה ווערט אנגערופן ״תורת חיים״, א הוראה בחיים, און דאס איז ניט א הוראה בחיים אין ימים מיוחדים, אין ספעציעלע טעג אין יאר, נאר דאס איז ״הם חיינו ואורך ימינו״:

פונקט אזוי ווי אין חיים איז ניט שייך זאגן א הפסק, אז א טאג איז ער א חי, און דערנאך איז ער מפסיק אויף עטלעכע שעה, רח״ל, און דערנאך ווערט ער ווייטער אמאל לעבעדיק; ניט אזוי איז דער סדר החיים! אין סדר החיים, ס׳קען זיין שינויים בנוגע צו הבנה והשגה, בנוגע צו הליכה ברגל וכו׳, אדער הבנה והשגה בראש; בנוגע אבער צו חייו מוז דאס זיין אן א הפסק פון רגע ראשון שנולד ביז ״והיו ימיו מאה ועשרים שנה״, ביז רגע האחרון עלי אדמה –

איז וויבאלד אז ״התורה היא חיינו״, איז תורה וואס ענינה איז הוראה – גייט דאס צוזאמען מיט חיים שלו, און דאס ווערט דער חייו, דאס ווערט זיין לעבן; איז ניט שייך אין דערויף קיין הפסק.

נאר וואס דען? אמאל איז דא אין צייטן ועניינים וואס די התחלה איז פון "משה ובני ישראל", און דערנאך קומט מרים ו"כל הנשים אחריה"; און ס'איז דא ענינים וואס די התחלה איז פון "דבורה הנביאה", און דערנאך קומט "וברק בן אבינועם".

לה. און מיטביידע צוזאמען בויט מען אויף א בית דירה, און מ'נעמט איין דעם "מדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב". בדוגמא ווי מ'זאגט "ובני ישראל יוצאים ביד רמה":

ארויסגייענדיק פון ארץ מצרים, האט מען טאקע געוואוסט אז מען גייט אין א מדבר, און אף-על-פי-כן איז מען געגאנגען "ביד רמה". וואס אויף דעם שטייט "זכרתי לך חסד נעוריך", אז כאטש מ'האט געוואוסט אז מ'וועט גיין "במדבר, בארץ לא זרועה", איז מען געגאנגען "ביד רמה", "לכתך אחרי במדבר" – ווייסנדיק אז מ'גייט "בארץ לא זרועה"!

און אט דעמאלט ווערט דאס – ווי ער טייטשט אפ אין תרגום – אויכעט "בריש גלי", און ס'ווערט דערנאך דער "אז ישיר משה", און לאחרי זה תיכף "ותקח מרים גו' ותצאן כל הנשים אחריה", און ס'ווערט דערנאך דער "כימי צאתך מארץ מצרים" בימים ההם – אט אזוי "אראנו נפלאות" בזמן הזה, בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, ושמחת עולם על ראשם.

* * *

לו. ס'איז דאך אויכעט רגיל – ואף כי בלי נדר – אויף מסיים זיין א מסכתא ביום ההילולא.

וויבאלד אז ס'האט זיך גערעדט אין מאמר בנוגע צו "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", וואס דאס איז דער ענין הדירה לו יתברך, און "אחת העבודות" איז דער ענין הקרבנות (כלשון המאמר פון דעם בעל ההילולא ליום ההילולא) – דערפאר איז אויכעט דער סיום אויף מסכתא מדות.

וואס דאס איז א מסכתא, על דרך ווי ער זאגט אין ספר חסידים, אז עס זיינען דא מסכתות וואס זיי זיינען בבחינת "מת מצוה" – אט דאס איז דער לשון אין ספר חסידים – מ'לערנט זיי ניט, במילא איז א מצוה מיוחדת אויף לערנען דוקא די מסכתא. על-אחת-כמה-וכמה נאך מאכן א סיום – דאס איז גאר א דבר בלתי רגיל, בפרט נאך אויף א מסכתא וואס האט גארניט קיין גמרא; מ'דארף זוכן אויף איר אדער אין מפרשי המשנה, אדער אין די ערטער אין גמרא אין מסכתות אחרות, וואו ס'ווערן געבראכט ענינים פון מסכתא מדות.

לז. ובפרט נאך ווי דער רמב"ם אין פירוש המשניות איז נאך מוסיף על כל ענינים אלו, אז דאס וואס מ'האט געשטעלט מסכתא תמיד צום סוף פון סדר קדשים, און נאך דערויף מסכתא מדות – איז דאס דערפאר וואס "אין בהם לא איסור ולא היתר (אדער ווי עס שטייט אין נאך א נוסח פאר די אויבנדערמאנטע ווערטער: "ולא דינים", אדער ווי א צווייטער נוסח: "ולא חכמה") כי אם סיפור": בנוגע צו מסכתא תמיד – דעם סיפור פון עבודת התמיד; בנוגע צו מסכתא מדות – דעם סיפור פון מדות המקדש, ווי ער דערמאנט זיי דארטן. און ווי ער איז דערנאך מסיים, אז צוליב וואס'זשע שטעלט מען דאס אריין אין תורה שבעל פה? כדי מ'זאל וויסן ווי אזוי מ'זאל בויען דעם בית-המקדש אז מ'וועט אים דארפן בויען, "מיד ה' עלי השכיל".

– וואס בדרך אגב, דאס גיט אויכעט א ביאור אין נאך אן ענין, ווי גערעדט אמאל באריכה:

דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין לקוטי תורה, אז ר' שמעון ווערט דערמאנט "בכל פרק בש"ס". פרעגט מען אויף דערויף די שאלה בנוגע צו תמיד און מדות; ווערט דאס פארענטפערט מיט אט דעם רמב"ם, לויט וואס דער רמב"ם שרייבט: דער אלטער רבי רעדט דארט אנטקעגן די פלפולים פון תורה שבעל פה, מה-שאין-כן אבער תמיד ומדות, איז דאס מסכתות "שאין בהם לא דינים ולא היתר ולא איסור" – ניט וועגן דעם ענין רעדט זיך די מעלה פון ר' שמעון בן יוחאי. –

און ווי ער איז מאריך אויף דערויף שוין אין תוספות יום טוב, וואו ער ברענגט אראפ די דברי הרמב"ם, און פרעגט, אז ס'איז דאך דא כמה שינויים אין בנין העתיד על פי נבואת יחזקאל לגבי דעם בנין שני ווי דאס איז אראפגעבראכט אין מסכתא מדות. און אין מסכתא מדות איז דאך אויכעט דא די שני דעות: צי דאס איז בנין הורדוס, אדער דאס איז דער בנין שלפני זה – וואס אין דערויף איז אויכעט, לדעת כמה ראשונים ואחרונים, געווען כמה וכמה שינויים.

און ער איז מבאר בזה, אז ס׳איז דא טאקע ענינים וואס וועלן נתחדש ווערן און נשתנה ווערן אין בנין יחזקאל, אבער כמה וכמה ענינים וועט מען בויען אזוי ווי ס׳שטייט אין מסכתא מדות. וואס דערפאר דארף מען האבן די מסכתא.

דערנאך איז דא א ביאור וואס איז נאכמער מתקבל – דער תוספות יום טוב דארף ניט האבן קיין הסכמה; ער איז געווען א גדול בישראל וכו׳ וכו׳, סיי אין נגלה, סיי אין נסתר, אין סודות התורה, כידוע ומפורסם. איז דא אבער וואס איז נאכמער מתקבל – א תירוץ פון אן אחרון:

מ׳געפינט דאך אין מדרש, אז בימי ר׳ יהושע בן חנניה איז געווען א רשיון פון מלכיות רומי אז מ׳זאל בויען דעם בית-המקדש, און מ׳האט שוין אים אנגעהויבן בויען, במילא איז ווי אזוי האט מען אים געקענט דעמאלט בויען? איז דאס געווען בדוגמא ווי ס׳ווערט באשריבן אין מסכתא מדות.

וכמבואר באחרונים בארוכה בזה, אבער איצטער רעדט מען דאך וועגן דעם סיום, וואס דאס איז כללות ענין המסכתא.

לח. דער סיום המסכתא איז ער דאך מסיים מיט די כמה פרטים ווי ס׳איז געווען אין די לשכות, און די לשכה האחרונה וואס ער איז מבאר – די לשכת הגזית. וואס זי איז געווען א טייל בחול א טייל בקודש, במילא גייט דאס אריין אין מדות פון בית-המקדש מצד דערויף וואס חציה בקודש. און דערנאך איז ער מוסיף, ווי ביי אנדערע לשכות: ״מה היתה משמשת״? זאגט ער אויף לשכת הגזית, אז דארט איז געזעסן די סנהדרי גדולה של ישראל און זיי האבן דן געווען אין דיני כהונה.

און ווי דער רמב״ם איז מבאר אין יד החזקה, אז דאס מיינט מען בנוגע צו די יחוסים און בנוגע צו די מומין. און אויב ס׳איז געווען ח״ו ״נמצא פסול״ – איז אט דעמאלט ״לובש שחורים ומתעטף שחורים ויוצא והולך לו״. און אויב ״לא נמצא פסול״ – איז אט דעמאלט ״לובש לבנים ומתעטף לבנים ומשמש עם אחיו הכהנים״.

און דערנאך זאגט ער, אז מ׳האט געמאכט א ״יום טוב היו עושים כשלא נמצא פסול בזרעו של אהרן, ומה היו אומרים, ברוך המקום שלא נמצא פסול בזרעו של אהרן, וברוך המקום שבחר באהרן ובניו לעבוד לפני ה׳ בקודש הקדשים״. וואס דאס איז דער סיום פון דער משנה מיט דער מסכתא.

וכאמור, דאס איז פון די מסכתות וואס ס׳איז ניטא קיין גמרא – איז במילא דערמיט, מיט דער משנה, ווערט נסתיים די גאנצע מסכתא.

לט. וואס אויף דערויף איז דאך דא די קשיא הידועה: וואס זאגט ער ״בחר באהרן ובבניו לשמש בקודש הקדשים״? ״בקודש הקדשים״ איז געווען מערניט ווי כהן גדול אליין, און ״בחר באהרן ובניו״ איז דאך דאס עבודת כל המקדש כולו, וואס דאס איז געווען די עבודה תמידית.

ובפרט נאך אז דאס קומט דאך בהמשך צו מסכתא תמיד, וואס דארטן רעדט זיך וועגן דער עבודה פון כל המקדש כולו, ניט עבודת קודש הקדשים; די עבודה אין קדש הקדשים רעדט זיך גאר אין מסכתא יומא. עבודת כל המקדש רעדט זיך אין מסכתא תמיד – וואס בהמשך לזה קומט מדות, און ווי דער רמב״ם איז מדגיש, ווי דערמאנט פריער, אז דאס גייט אין דעם זעלבן סוג, ״שאין בהם לא דינים ולא היתר ולא איסור״, איז דאס די צוויי מסכתות פון תמיד און מדות. און אט דא איז ער מסיים דוקא ״בקודש הקדשים״.

איז דא אויף דערויף די צוויי תירוצים הידועים:

איין תירוץ, אז ״בקודש הקדשים״ מיינט מען דאס ניט קודש הקדשים פון מקדש, נאר דאס מיינט מען דעם מקום מקודש פון די ״עשר קדושות״ וועגן וועלכע ס׳רעדט זיך אין כלים. וואס דארטן זאגט די משנה אז ס׳איז דא ״עשר קדושות״, און דאס איז ״קודש״ פון די אלע ״קדשים״.

– דאס זאגט א גדול בישראל; אבער אף-על-פי-כן, בשעת מ׳לערנט דאס אין מסכתא מדות, וואס אין מסכתא מדות פאר דעם רעדט זיך כמה ענינים פון קודש הקדשים, און כמה ענינים פון היכל ועזרה, און ס׳ווערט אינגאנצן ניט דערמאנט פון די ״עשר קדושות״. איז אז אין דער מסכתא דערמאנט מען ״קודש הקדשים״ – איז דאס א דוחק גדול ביותר פארבינדן דאס מיט א משנה אין כלים, און ניט פארבינדן דאס מיט ״קודש הקדשים״ ווי ס׳ווערט דערמאנט אין מסכתא מדות.

דער צווייטער תירוץ איז דא אין חידושי אגדות, אז דאס איז צוויי ענינים: פריער זאגט ער "ברוך המקום שלא נמצא פסול בזרעו של אהרן" – איז דאס אויפן גאנצן בית-המקדש. און דערנאך זאגט ער אז "ברוך שבחר באהרן ובניו לעבוד לפני ה' בקודש הקדשים" – מיינט מען דאס אויפן כהן גדול (ו"בניו" – די פון זרעו וואס זיינען אויכעט כהנים גדולים).

– איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: אט דאס וואס ס'איז ניט געווען קיין "פסול" – איז נוגע קודש הקדשים אויכעט; און "בחר באהרן ובניו לעבוד לפניו" – איז דאס שייך אויפן היכל אויכעט, ניט דוקא אויף קודש הקדשים.

מ. דערצו איז נאך א קשיא:

די התחלה פון מסכתא מדות – איז די זעלבע התחלה פון תמיד, אז "בשלשה מקומות הכהנים שומרים, בבית אבטינס ובבית הניצוץ ובבית המוקד". וואס מ'חזר'ט איבער די זעלבע התחלה אין צוויי מסכתות.

און אף-על-פי וואס מ'געפינט דאס אין כללות מסכתא פון עדיות, פון "בחירתא", אז רובם פון די משניות ווערן געבראכט אין אנדערע מסכתות אין ש"ס – אבער דארט איז קיין קשיא ניט: אין עדיות, ווי דער רמב"ם שרייבט, האט מען צוזאמענגעקליבן אט דאס וואס ס'האבן געזאגט עדות גדולים פון צווישן די תנאים, במילא איז קיין קשיא ניט וואס מ'חזר'ט איבער, דערפאר וואס דא ווערט ניט געבראכט לפי סוגי הדינים, נאר לפי סוגי העדויות, און דאס איז געווען "בחירתא" – דער בחיר פון די עדויות אין תורה שבעל פה –

אבער דא קומט בהמשך איין מסכתא נאך די צווייטע, וואס ביידע רעדן וועגן דעם בית-המקדש והעבודה בו – איז לכאורה האט קיין ארט ניט איבער'חזר'ן, אז ביידע מסכתות זאלן זיך אנהויבן מיטן זעלבן ענין. וואס מצד ההמשך האט מען געקענט פארשפארן די התחלה: אדער אין תמיד זאל ניט זיין די התחלה, אדער אין מדות זאל זיין די התחלה מיט אן אנדער נוסח.

מא. נאר דער ענין איז, אז דערפון ווערט א ביאור בנוגע וואס איז דער ענין השמירה –

פון איין זייט דאס איז אן ענין פון א ציווי אויף די כהנים און אויף די לויים, על דרך ווי דער פירוש הפשוט אין פסוק, אז "ושמרו משמרתך" – ווי די גמרא לערנט אפ אין תמיד, אז דערפון ווייס מען אז משה איז געווען א שומר, ובדוגמת זה לוויים שלאחריו, און אויכעט אהרן ובניו זיינען געווען שומרים, ובדוגמת זה כהנים שלאחריו – איז דאך דער פשטות הכתובים, איז דאס א ציווי אויף די כהנים.

בשעת אבער דער רמב"ם ברענגט אראפ דעם ענין השמירה במקדש, שרייבט ער אז דאס איז ניט אן ענין מפני הגנבים וכיוצא בזה, ווארום "אין עניות במקום עשירות" וכו', נאר וואס דען? דאס איז, ווי ער ברענגט אראפ דעם לשון פון מכילתא, אז "אינו דומה פלטרין שיש עליו שומרין לפלטרין שאין עליו שומרין". במילא איז דאס אן ענין אין מקדש, ניט אן ענין און א ציווי על בני אדם. וכמה חילוקים וואס ס'איז דא בזה.

און דאס איז דער חילוק צווישן מסכתא תמיד און מסכתא מדות:

מסכתא תמיד רעדט וועגן עבודת הכהנים, די אלע פרטים און די משניות דארטן רעדן וועגן עבודת הכהנים. אבער מסכתא מדות איז – כשמה: דאס איז "מדות" פון בית-המקדש.

און אט דא קומט די משנה אונז דערציילן, אז אין שמירה איז דא צוויי ענינים: ס'איז דא שמירה ווי דאס איז א חלק פון עבודת הכהנים, וואס דאס איז דער ענין פון מסכתא תמיד. דערנאך איז דא שמירה, "בשלשה מקומות וכו'", ווי דאס איז א חלק פון דעם ענין פון מידות בית המקדש: אין כבוד הפלטרין דארף מען האבן אז "יש בו שומרים".

וואס דאס איז מסביר, אז אין שמירת המקדש איז דא ביידע ענינים – דאס איז סיי א ציווי אויף די כהנים ולויים, סיי א ציווי אויפן מקדש.

מב. וואס אין דערויף איז דא א חילוק עיקרי:

בנוגע ווי דאס איז א ציווי אויפן מקדש – איז דאס אן ענין וואס דאס איז כבוד פון דעם מקדש.

בנוגע ווי דאס איז א ציווי על הכהנים והלויים – געפינט מען א דבר חידוש, אז אין דערויף קען מען דאס טאן אפילו קטנים. ווי ער זאגט אין משנה: "והרובים היו שומרים שם", און די גמרא טייטשט אפ, אז וואס איז

דאס "הרובים"? "שלא הגיעו לעבודה", און אויף דערויף שרייבט בפירוש דער "מפרש" המשנה אין "ביאור" – אז דאס מיינט מען איינער וואס איז פאר בר מצוה. ניט כדעת אחרים, אז דאס איז פאר עשרים שנה, נאר כפשוטו – "שלא הגיעו לעבודה" – אז ער איז נאך א קטן.

וואס על פי זה ווערט פארענטפערט אויכעט:

דערפון וואס א קטן קען זיין א שומר ברענגט מען דאך די ראיה, אז א שמירה איז ניט אן ענין של "עבודה". און לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, ווארום פון לשון הרמב"ם איז משמע, אז ער פארבינדט דאס מיט עבודת הלויים, וואס דאס איז שמירה?

נאר דאס איז צוויי ענינים וואס ס'איז דא אין שמירה: ס'איז דא איין ענין אין שמירה וואס דאס איז כבוד של בית-המקדש, וואס אויף דערויף דארף מען ניט האבן "כ"ד מקומות"; בשעת ס'איז דא א "פלטרין שיש עליו שומרין", אף-על-פי וואס ס'איז ניט כ"ד מקומות, נאר עטלעכע מקומות – איז דאס אויכעט "פלטרין שיש עליו שומרין" (דערנאך איז דא א חיוב אויף היטן אין פיר און צוואנציק ערטער, און דאס איז נאך אלץ ניט אן ענין של עבודה וכו', מיט דער גאנצער אריכות – דאס איז דאך אבער ניט סיום המסכתא; ניט וועגן דערויף רעדט זיך איצט). און דערנאך איז דא די שמירה אלס עבודה אין דעם מקדש.

מג. וואס דער קישור הענינים שבדבר איז – אז די מסכתא מדות הויבט אן פון תחילה ביז תכלית הקדושה:

ס'הויבט זיך אן פון שמירת המקדש, וואס די שמירה איז דאך געווען על העזרה ועל הר הבית, וואס מ'געפינט ניט קיין עבודה זאל זיין מחוץ לעזרה; יוצא מן הכלל איז דער ענין השמירה, ווארום ענין השמירה איז געווען אויכעט אין הר הבית.

וואס דאס הייסט, אז אף-על-פי וואס מדות דארף דאך רעדן, וועגן – כפשוטו – מדות בית-המקדש (און דאס וואס עס ברענגט זיך דארט אויכעט אז "הר הבית היה חמש מאות אמה על חמש מאות אמה", איז אויף דערויף וואלט מען נאך געקענט טייטשן, אז דאס איז מערניט ווי א הקדמה כדי צו וויסן די עזרה ווי ס'איז געווען, און דער היכל ווי ס'איז געווען וכו'); די התחלה איז אבער גלייך אז "היו שומרין" – ווי דער לשון איז אין התחלת מסכתא מדות דוקא – אן ענין אין כבוד בית המקדש, וואס דער ערשטער חלק השמירה איז געווען בהר הבית, מחוץ לעזרה.

און דערנאך קומט די שמירה פון דער עזרה. אבער אפילו די שמירה פון עזרה איז אויך געווען מחוץ לעזרה, ווי די גמרא איז מסביר אין תמיד, דערפאר וואס אין עזרה קען מען זיך ניט צוזעצן וכו'.

ביז וואנעט ער הויבט אן פון אן ענין עבודה און אן ענין של מידה בהר הבית, און איז מסיים – מיט קודש הקדשים כפשוטו, אין דעם ענין פון קדשי קדשים.

מד. אט דא בלייבט אבער די שאלה, ווי מ'האט גערעדט פריער: וואס זאגט מען "בחר באהרן ובניו לעבוד לפני ה' בקודש הקדשים" – ס'איז דאך "בחר" אויף אלע עבודות בבית-המקדש, וואס איז דאך דוקא בכהן, "והזר הקרב יומת".

נאר אט דא גייט אריין א "לשיטתו" פון דעם רמב"ם מיטן רמב"ן, וואס מסכתא מדות, כאמור, רעדט דאך וועגן ענין בית-המקדש – איז דא צוויי שיטות, צוויי דעות, וואס איז דער ענין פון בית המקדש:

בשעת דער רמב"ם אין הלכות בית הבחירה, און אזוי זאגט ער אויכעט אין ספר המצוות, סיי אין די שרשים און סיי אין די מצוות, מצוות עשה, אז די מצות עשה פון בית-המקדש איז – אז עס זאל זיין "לעשות בית מוכן להקריב בו קרבנות ולחוג בו ג' רגלים". וואס וואס ווייס מען דערפון? אז לויטן רמב"ם איז דער ענין פון בית המקדש, איז די נקודה הפנימית והתיכונה איז – "לעשות בית מוכן להקריב בו קרבנות".

אזוי זאגט ער אין בית הבחירה, וואס דאס איז לכתחילה געשריבן אין לשון הקודש; אפילו אויכעט אין ספר המצוות, וואס דארט דארף מען אנקומען צו העתקות, איז דאך דא שינויים פון איין העתקה צו דער צווייטער העתקה – אבער אין דערויף גלייכן זיך אויס אלע מעתיקים, אז ווי ער האט געשריבן אין אראביש, איז דער פירוש דערפון, אז דאס איז אדער ווי איין נוסחא: "בית לעבודה", אדער: "בית עבודה". און וואס איז די עבודה? – "להקריב קרבנות". וואס דאס איז דעת הרמב"ם.

דערנאך איז דא דעת הרמב״ן אין פירושו על התורה, אין תרומה. וואס דארטן שטעלט זיך דער רמב״ן אויף די שאלה – וואס איז דער טעם, אז בשעת מ׳הויבט אן דערציילן דער ענין פון משכן, הויבט מען אן מיט ״ועשו ארון״? לכאורה, דאס קומט ערשט צום סוף; פריער דארף מען דערציילן וועגן די קרשים וכו׳, און דערנאך דעם מזבח החיצון, און ערשט דערנאך וועט מען קומען צום ארון, וואס דאס איז די לעצטע כלי, לכאורה.

זאגט דער רמב״ן, אז אין דערויף באווייזט ער אין וואס ס׳באשטייט דער ענין המשכן, ו״מקדש דאיקרי משכן ומשכן דאיקרי מקדש״. אז דער ענין המשכן איז – ״ושכנתי בתוכם״: אז דארט זאל זיין א שכינה ומשכן לו יתברך. וואס וואו איז דאס? דאס איז אויפן ארון וכפורת, ״ונועדתי לך שם״. וואס דערפון איז אויכעט מובן אין בית-המקדש שני: דער ארון איז געווען נגנז אדער הלך בגולה, אבער מקומו של ארון איז געווען, איז דאס געווען בקדש הקדשים.

במילא, איז וואס קומט אויס לויטן רמב״ן, וואס איז דער ענין פון ״ועשו לי מקדש״? – איז דאס צוליב ״ושכנתי בתוכם״, אז דער ענין איז, אז דארט זאל זיין א ״מקום שכינה ומנוחה לו יתברך״; ניט אן ענין פון הקרבת קרבנות.

מה. וואס דערפון קומט ארויס א חילוק בנוגע צו די כלים פון דעם משכן ומקדש:

אויב מ׳זאל זאגן, אז דער ענין המשכן ומקדש איז ווי דער רמב״ן, דער ענין ״השכינה ומנוחה לו יתברך״ – איז דאס ניט פארבונדן מיטן מזבח; איז דאס ניט פארבונדן אפילו מיטן ארון. והראיה – אין מקדש שני איז ניט געווען דער ארון, און אין קודש קדשים איז געווען דער ענין פון ״ושכנתי בתוכם״.

במילא גייט דער רמב״ן לשיטתו, אז וויבאלד אז דער ענין המשכן ומקדש איז דער ענין פון ״ושכנתי בתוכם״, שכינה לו יתברך, איז די כלים אן ענין באזונדער. במילא איז אט דעמאלט וואלט מען זיי געדארפט רעכענען אלס א באזונדער מצוה: ״ועשו ארון״ – עס איז א באזונדער מצוה; ״ועשית שולחן״ – א באזונדער מצוה.

נאר וואס דען? דער רמב״ן האט אויף דערויף די הסברה, אז שולחן איז מערניט ווי תשמישי קדושה: אזוי ווי ס׳איז דא א מצוה פון לחם הפנים – דארף מען האבן א שולחן אויף וועמען דאס ארויפצושטעלן, ועל דרך זה ביי הדלקת הנרות, ועל דרך זה בשאר הענינים.

און דערפאר זאגט ער טאקע, אז אויף ארון איז דאך ניט געווען קיין עבודה, איז דערפאר ״ועשו ארון״ – איז טאקע א באזונדער מצוה.

מו. במה דברים אמורים? לדעת הרמב״ן, אז דער ענין פון מקדש איז ניט אן ענין פון הקרבת הקרבנות. דאס איז ניט א ״בית מוכן להקריב בו קרבנות״; דאס איז א בית וואס דארט זאל זיין ״שכינתו ומשכן ומנוחה לו יתברך״. אבער לדעת הרמב״ם, וואס ער שרייבט ״לעשות בית שיהיה מוכן להקריב בו קרבנות״, איז אין דעם עשיית בית, דארף זיין אזא מין סארט עשיה וואס זאל זיין ״מוכן״ – אט דא איז דער רמב״ם מוסיף דעם ווארט ״מוכן״.

וואס הייסט ״מוכן להקריב בו קרבנות״? דערפון וואס ער וועט מאכן וועגט מיט א דאך איז ער ניט ״מוכן״! ווי אזוי ווערט ער ״מוכן להקריב בו קרבנות״? אז ער מאכט אלע כלים, ווי ער איז דערנאך מפרט: אין תחילת בית הבחירה זאגט ער דעם לשון ״לעשות בית״, און דערנאך זאגט ער ״בונין בית״. און דערנאך בשעת ער איז מפרט אויכעט – פריער זאגט ער דער ענין פון עשיית הכלים, און רעכנט אויס וועלכע כלים, און ערשט דערנאך זאגט ער פרטים אין דעם בנין הבית.

וואס אויב מ׳זאל רעכענען אז לויט דעם רמב״ם איז כלים א באזונדער ענין – האט ער פריער געדארפט אפרעדן די אלע ענינים פון בנין, און דערנאך דערציילן באזונדער וועגן דעם ענין פון כלים.

נאר דער רמב״ם איז מחלק אין דער זעלבער מצוה גופא, לויט די צוויי ראיות וואס ס׳איז דא אויף בנין בית-המקדש – ״המקום אשר יבחר ה׳ אלקיך בו״ און ״ועשו לי מקדש״: ס׳איז דא איין ענין וואס ווערט אנגערופן ״בנין בית המקדש״ – און ״בנין״ איז דאס ניט דער ענין פון כלים (ווי דער רמב״ן איז טאקע משיג אויף אים); דערנאך קומט ״עשיית בית-המקדש״ – וואס עשיית בית איז ענינו לויטן רמב״ם: עשיית ״בית מוכן להקריב בו קרבנות״. במילא מוז זיין א שולחן, און ס׳מוז זיין א מנורה, און ס׳מוז זיין מזבחות און ס׳מוזן זיין כל הענינים.

מז. און אט דא, לויטן רמב״ם ווערט די שאלה פארקערט: אויב אזוי ווי קומט אריין ארון? ארון האט קיין שייכות ניט צו קרבנות. מנורה – איז דא דער קרבן, הדלקת הנרות איז אויכעט עבודה, ועל דרך זה דער שולחן, ווארום ״להקריב קרבנות״ אין א ברייטערן אופן – איז דאס דער ענין פון לחם הפנים בכלל זה, און דער ענין פון שמן למאור בכלל זה. אבער אין ארון איז ניט געווען קיין ענין של קרבן,

– און ווי דער ראגאטשאווער זאגט, אז ארון איז ניט קיין ״כלי שרת״: אויפן כפורת – זאגט ער – איז געווען דער ענין פון הזיה, אין יום הכפורים האט מען געדארפט מזה זיין על הכפורת – איז אויכעט דא אין דערויף צוויי דעות, צי עס האט געדארפט זיין נגיעה צי ניט נגיעה; אויב עס האט ניט געדארפט זיין נגיעה – איז דעמאלט כפורת אויך ניט קיין כלי שרת –

און אט דא קומט צו דער חידוש, וואס דער רמב״ם איז לשיטתו, אז עשיית הארון רעכנט ער טאקע בכלל ניט אריין אין קיין ציווי:

אז ער רעכנט אויס אין ספר המצוות, וועלכע כלים גייען אריין אין דעם עשיית המקדש – רעכנט ער אלע כלים א חוץ ארון. ער רעכנט מזבח און מנורה ושולחן, און דערמאנט ניט ארון. וכמדובר אמאל בארוכה בנוגע דער חילוק פון ארון לגבי שאר הענינים.

וואס דערמיט ווערט פארענטפערט א תמיהה גדולה ביותר:

מ׳געפינט אז יאשיהו המלך האט צוגענומען דעם ארון פון קודש הקדשים, וואס דאס איז דאך א מורא׳דיקע זאך! אמת טאקע ער האט געוואלט באווארענען, אז מ׳זאל אים ניט אוועקפירן אין בבל; אבער דאס איז געווען צענדליקער יארן נאכדעם. ווי אזוי נעמט מען ארויס א כלי וואס דאס איז א חלק פון דעם בית-המקדש?

איז דערפון גופא א הוכחה אז (אפילו לדעת הרמב״ן) דאס איז ניט קיין חלק פון בית-המקדש – און דאס גופא איז א ראיה פארקערט פון רמב״ן, ווי דער רמב״ם לגבי הרמב״ן.

מח. און דערפאר איז לשיטת הרמב״ם קען מען אויך ניט זאגן (על דרך ווי דער רמב״ן זאגט) אז ס׳איז דא א חילוק אין כלים, כלים וואס גייען יא אריין און ניט אריין, דערפאר וואס דאס איז יע א חלק פון בית-המקדש און דאס איז ניט א חלק בית-המקדש; דער רמב״ם נעמט דאס ניט אן, ער איז לכתחילה מחלק:

ער זאגט פריער, אין בית הבחירה, דעם לשון ״לעשות לו בית״, און טייטשט אפ ״מוכן להקריב קרבנות״,

– ער איז מוסיף דעם ווארט ״מוכן״; ניט ווי דער לשון אין ספר המצוות, ״לעשות בית להקריב קרבנות״, נאר ער איז מוסיף א ווארט. וואס הלכות בית הבחירה איז דאך געשריבן אליין אין לשון הקודש, און דערצו איז דאס אויכעט פסקי דינים – איז דערפאר שרייבט ער גלייך בפירוש, אז דאס איז ניט סתם ״לעשות בית״, נאר דער בית דארף זיין – ניט ״לבנות בית״, נאר ״לעשות בית מוכן להקריב בו קרבנות״ –

במילא מוז מען האבן אלע כלים.

און דערמיט ווערט אויך פארענטפערט דער סדר אין די הלכות שלאחרי זה, וואס ער שטעלט אריין כלים אלס א ביאור אין דעם ענין פון ״עשיית בית״, נאר וואס דען? ער איז מחלק דערנאך: פריער שרייבט ער ״בונין היכל ועזרה וכו׳״, דערנאך שרייבט ער עשיית הכלים, און דערנאך קערט ער זיך אום צום ענין הבנין.

מט. ועל פי זה איז אויכעט מובן אט דאס וואס מסכתא מדות איז מסיים אז ״בחר באהרן ובניו לעבוד לפניו בקודש הקדשים״ – ווארום דאס איז די ראיה לדעת הרמב״ן:

מיט דעם וויל די משנה ארויסברענגען אז דער גאנצער ענין פון מידות און בית-המקדש איז – קודש הקדשים. וואו איז געווען דער ״ושכנתי בתוכם״? איז דאס געווען אין קודש הקדשים. הקרבת הקרבנות איז געווען עיקרו אין שאר חלקי המקדש; אין קודש הקדשים איז געווען ״אחת בשנה יכפר״ – דער ענין וואס איז געווען ביום הכיפורים.

אבער דער ענין פון ״לחוג ג׳ רגלים ולהקריב קרבנות״, וואס דאס איז אן ענין פון תדיר (און ווי דער רמב״ם איז מוסיף בנוגע וואס בית דין איז געזעסן בלשכת הגזית, זאגט ער אויף דערויף, אז דאס איז געווען עיקר ענינה, און איז מוסיף אויף דערויף דעם ווארט ״תדיר״: ״עיקר דיונם תדיר״ איז געווען בנוגע צו יחוסים פון די כהנים און מומין; איז תדירות איז געווען דער ענין פון קרבנות), וואו איז דאס געווען? בשאר חלקי המקדש והמשכן.

וואס להרמב״ן איז דער גאנצער ענין, די אלע ענינים וואס איז געווען ארום און ארום אין משכן ומקדש – איז געווען כדי עס זאל זיין ״ושכנתי בתוכם״ אויפן ארון ומקום הארון, וואס דאס איז קודש הקדשים.

וואס דערפאר איז בשעת ״בחר באהרן ובניו לעבוד לפניו״ – איז וואס איז געווען די בחירה? איז דאס געווען צוליב קודש הקדשים, נאר צוליב דערויף האט מען געדארפט האבן די אלע ענינים שלפני זה, ווי דער רמב״ן איז מאריך אין תרומה בתחילתה. מה-שאין-כן להרמב״ם, איז טאקע ״בחר באהרן ובניו״ ניט נאר צוליב קודש הקדשים; עס איז דא כמה חלקי מקדש.

נ. לכאורה על פי זה קומט דאך אויס, אז דעת הרמב״ם איז היפך פון א משנה מפורשת אין מדות. נאר דא איז דא צוויי גירסאות אין דער משנה:

אין מאירי, און אויכעט אין פירוש המשניות להרמב״ם, איז ניטא דער גאנצער סיום – די משנה ענדיקט זיך ״ברוך המקום שלא נמצא פסול בזרעו של אהרן״. דער סיום, אז ״ברוך המקום שבחר באהרן ובניו לעבוד לפניו בבית קודש הקדשים״, איז אין דער גירסא פון דער משנה ווי ס׳ווייזט אויס אין פירוש המשניות להרמב״ם, איז גאר ניט געווען.

במילא איז דאס א צווייטער ״לשיטתו״:

דער רמב״ם ברענגט ניט אראפ אין פירוש המשניות דעם גאנצן סיום. מה-שאין-כן לפי הרמב״ן, וואס ער טייטשט אז דער ענין המקדש – ובמילא אויכעט די גאנצע מסכתא מידות – איז דאס צוליב ״ושכנתי בתוכם״, קודש הקדשים – איז דערפון פארשטאנדיק אויכעט דער סיום, אז דער גאנצער ענין פון בחירה באהרן ובבניו איז דאס געווען צוליב קודש הקדשים.

נא. אין דערויף איז דא נאך אן ענין, וואס דאס איז אויכעט דער קישור מיטן מאמר:

אין מאמר איז ער דאך מדייק אז ״אחת העבודות במשכן ובמקדש״ איז דאס געווען עבודת הקרבנות, און איז מדגיש בזה דעם ווארט ״עבודה״. וואס די ״עבודה״ פון מקדש איז געווען דוקא – עבודת הקרבנות.

און דאס איז אפילו לדעת הרמב״ן, ווארום דער ענין פון ״ושכנתי בתוכם״ איז דאס איז מצד דעם אויבערשטן. אט דאס וואס א איד טוט דערויף – איז ער מערניט וואס ער איז בונה דעם משכן ובית המקדש; ער איז מכין דעם ארט אז עס זאל זיין א קודש הקדשים, דערנאך זאל זיין דער ״ושכנתי בתוכם״. ווער מאכט אבער דעם ״ושכנתי בתוכם״? דאס טוט דער אויבערשטער. אין וואס באשטייט עבודת האדם? עבודת הכהנים – באשטייט זי דער עיקר אין עבודת הקרבנות.

ובפרט לדעת הרמב״ם, וואס לויטן רמב״ם איז דאך זיכער אזוי, ווארום כאטש ער האלט דאך אויכעט אז קודש הקדשים איז געווען דער מקום מקודש ביותר, ווי א משנה מפורשת אין כלים, אבער אין וואס באשטייט די מצוה? באשטייט די מצוה ניט אין דעם ענין פון ״ושכנתי בתוכם״ – דאס איז א זאך וואס טוט זיך אפ מעצמו, על ידי הקב״ה; א ציווי איז דאך אט דאס וואס א איד דארף טאן. וואס דארף טאן א איד? ״מוכן להקריב בו קרבנות ולחוג בו שלשה רגלים״, ווי ער איז מבאר אין הלכות בית הבחירה, און אויכעט אין ספר המצוות אין מצוות עשה, און אויכעט אין די שרשים שלפני זה.

נב. וואס לכאורה, על פי זה קען מען פרעגן – ווי קומט דאס, אמת טאקע דאס טוט דער אויבערשטער און דאס טוען אידן, אבער דאס איז דאך לכאורה שלא בערך?

איז אויף דערויף איז דא דאס וואס די גמרא זאגט, אז ״רוצה אדם בקב שלו יותר מתשעה קבין של חבירו״: אמת טאקע, ״ושכנתי בתוכם״ איז דאס ״תשע קבין״, און הקרבת הקרבנות איז איז קב אחד, אדער נאך ווייניקער אפשר; דאס איז אבער ״שלו״, און דאס איז ״של חבירו״ – דאס טוט דער אויבערשטער, און דאס טוט ער.

און ווי דאס ווערט א פסק דין אין תורה: דאס איז דאך נוגע אנטקעגן אן ענין פון מציאה, אנטקעגן ״להחזיר״, וואס אויף דערויף זאגט דאך די גמרא אז ״רוצה אדם בקב שלו מתשעה קבין של חבירו״ וכו׳; וויבאלד אז דאס ווערט א דין אין תורה – איז דאך א סימן אז על פי תורת אמת איז דאס אזוי.

וואס דאס איז, ווי געוועדט כמה פעמים, אז ס'איז דאך דא דער ענין פון "ואהבת את ה' אלקיך" און דער ענין פון אהבת ישראל, וואס מי למי קודם? זאגט מען דאך אויף דערויף, אז ביי אהבת ישראל איז ער "אוהב מה שהאהוב אוהב", און דערפאר איז "ואהבת לרעך כמוך" נאך גרעסער, כביכול, ווי "ואהבת את ה' אלקיך".

וואס דאס איז דאך אויכעט דער פירוש הפשוט וואס די גמרא זאגט אין שבת, אז וואס איז "כלל גדול בתורה"? איז דאס "ואהבת לרעך כמוך", וואס דאס איז אין זיך "כולל" אויכעט דעם "ואהבת את ה' אלקיך".

נג. וואס אט דא אויכעט בנוגע וואס מ'זאגט אנטקעגן דעם בית-המקדש, אז מ'דארף האבן דעם ענין פון מידות בית-המקדש כדי מ'זאל וויסן ווי אזוי צו בויען דעם בית-המקדש – איז אין דערויף אויכעט דאך דא דער ענין "לשיטתו":

פון רמב"ן איז משמע בכמה מקומות, אז דער בית-המקדש השלישי וועט זיין יבנה בידי שמים, און אזוי איז אויכעט לדעת רש"י ותוספות בכמה מקומות. דער רמב"ם פסק'נט אפ בפירוש אין הלכות מלכים, אז "יבנה בית המקדש במקומו" – אז דאס וועט טאן משיח, דאס איז מעשה ידי אדם.

וואס דאס איז אויכעט בדוגמא ווי דעם אויבנדערמאנטער חילוק:

בשעת מ'זאגט אז דאס איז "בית מוכן להקריב קרבנות", און מ'דארף האבן מסכתא מדות כדי מ'זאל וויסן ווי אזוי צו בויען בית-המקדש השלישי – איז דאס גייט בשיטה אחת: אלץ אן ענין פון "רוצה אדם בקב שלו".

דערנאך איז דא די דעה, אז דער בית-המקדש השלישי איז דאס נבנה בידי שמים, וואס דאס איז דאך שלא בערך: "מקדש ה' כוננו ידיך". בפרט ווי ער איז מדגיש אין זהר און אין מדרש תנחומא, אז דאס וואס ס'זיינען געווען דער בית-המקדש ראשון און בית-המקדש שני ולא נתקיימו, איז דאס דערפאר וואס זיי זיינען געווען מעשה ידי אדם; מה-שאין-כן בית-המקדש שלישי, וואס וועט זיין "כוננו ידיך" – וועט ער זיין א בית נצחי, א "בית עולמים".

מה-שאין-כן להרמב"ם, וואס ער פסק'נט אפ אז "יבנה בית המקדש במקומו", ד.ה. אז דער ענין איז דוקא אז דאס וועט אפגעטאן ווערן על ידי משיח, וואס דאס איז מעשה ידי אדם – במילא קומט אויס אויכעט לפי שיטה זו אז דער ענין פון בית-המקדש איז עבודת האדם, וואס דאס איז "מוכן להקריב בו קרבנות", און על ידי זה קומט טאקע דער ענין פון "ושכנתי בתוכם", אבער ניט דאס איז דער ענין המצוה.

נד. וואס דאס איז אויכעט דאס וואס ער זאגט און איז אויך מדגיש אין דעם מאמר פון הילולא פון "באתי לגני", סיי בנוגע דעם ענין וואס רעדט זיך אין ערשטן פרק – אז בריאת העולם איז געווען "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים", און סיי בנוגע דעם פון משכן וואס ער זאגט דערנאך:

בנוגע צו בריאת העולם "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים", איז אין וואס באשטייט דער "צורך עליה"? באשטייט דאס אין אתכפיא ואתהפכא, אין די עליה מלמטה למעלה דורך עבודה. און אזוי איז אויכעט דער ענין ווי ער זאגט דערנאך בנוגע למשכן: "אחת העבודות" איז דער ענין הקרבנות; דערנאך טוט זיך אפ בדרך ממילא, על ידי שמים, דער ענין פון "ושכנתי בתוכם".

בנוגע לפועל, איז סיי לויט דער דעה, אדער לויט דער צווייטער דעה –

זאל זיין, על ידי מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, וואס "עבודה" איז דאך וועט מתוך המצור והשביה פועל'ט מען ביי זיך אז עס זאל זיין "אתכפיא" און "אתהפכא", און צוגרייטן די וועלט אויף ווערן מוכשר אז דאס זאל זיין א "גן" ו"פרדס", און – א פרדס של הקב"ה, כמדובר לעיל.

וואס דעמאלט וועט דערנאך זיין דער "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר", אז "והיה אחרי כן אשפוך את רוחי על כל בשר ונבאו בניכם ובנותיכם", בקרוב ממש, ולמטה מעשרה טפחים, ובחסד וברחמים, ושמחת עולם על ראשם.

* * *

נה. מ'האט דאך פריער גערעדט בנוגע צו דער הוראה פון בעל ההילולא, וואס דאס – ווי אלע הוראות פון א נשיא בישראל – גיט זיך דאך ארויס על ידי תורתו. און דאס איז – די תורה וואס ס'איז פארבונדן מיט יום ההילולא וההסתלקות.

וואס ביום ההילולא וההסתלקות, איז ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגרת הקודש, אט דעמאלט ביום ההוא איז דאך עולה ״כל עבודתו אשר עבד בה״. וכמבואר אויכעט בארוכה אין סידור, אין שער ל״ג בעומר וכו׳. און ווי אויכעט ווי דער ענין בפשטות, ווי על פי נגלה דתורה, וואס דעמאלט איז דאך דער ״דין וחשבון״ אויף די אלע ימים בימי חיותו בעלמא דין, וואס דער דין עליהם הויבט זיך אן ביום ההסתלקות, כמבואר בכמה מקומות, אויכעט אין נגלה ספרים.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז אין אט די תורה, און אין התחלת התורה און שם התורה פון יום ההוא, גיט ארויס די נקודה הפנימית פון ״עבודתו אשר עבד בה במשך כל ימי חייו״, וואס דאס איז ארויסגעגעבן אין די ווערטער פון ״באתי לגני״.

וכמדובר ומבואר לעיל בארוכה, אז דאס גייט דאך אויף עולם הזה, וואס דארט איז די עבודה פון אידן, וואס דארט האט געקענט זיין אן ענין פון א חטא ועון, וואס דאס האט מסלק געווען די שכינה מלמטה למעלה, און ״תורה לא בשמים היא״ – דארט איז די עבודה פון אתכפיא ואתהפכא אויף להוריד השכינה און מאכן אז ס׳זאל זיין א ״מקום משכן ומנוחה לו יתברך״, ״דירה לו יתברך״ דוקא ״בתחתונים״ – דאס אלץ דוקא אין עולם הזה הגשמי והחומרי.

און אט דעם עולם רופט מען אן – ניט ווי בלשון הקבלה, אין עץ חיים און געבראכט אין תניא, אז דאס איז אן עולם ״קשה והקליפות גוברים בו״ וכו׳; נאר ער ווערט אנגערופן – בשם ״גן״. און נאך מערער: ער ווערט אנגערופן ״גני״ פון דעם אויבערשטן.

וואס ״אין מקרא יוצא מידי פשוטו״: ״גן״ איז דער טייטש זיינער – פרדס, וואס א פרדס איז דאך א מקום נעלה למנוחה וכו׳ ביותר, ווי די גמרא טייטש אויף ״ויטע אשל״ – אז איינער פון די טייטשן איז, אז ער האט געמאכט דארט א פרדס.

און ווי אויכעט כפשוטו: ס׳איז דאך דא אט דאס וואס ״ארץ ממנה יצא לחם״, און אין דערויף איז דאך דא דער ״שדה הלבן״ און ״שדה האילן״ – איז דאך אינו בדומה דער יוקר וואס ס׳איז דא אין ״שדה הלבן״, אין א שדה כפשוטה, לגבי דעם יוקר וואס ס׳איז דא אין ״כרמך״, אין אן ענין פון א ״גן״. וואס דאס אלץ איז אפילו אין א גן של איזה אדם שיהיה, על-אחת-כמה-וכמה – דער ״גן״ פון אדם העליון, ״לגני״, וואס דאס זאגט דער אויבערשטער אויף זיך.

נו. וואס אט דא ווערט דאך די קשיא: היתכן, אז מ׳זאל זאגן אויף דער וועלט – וואס דאס איז עולם וואס ״הקליפות גוברים בו״ וכו׳ – אז דאס ווערט אנגערופן א ״פרדס״ פון דעם אויבערשטן? וואס אויף דערויף האט מען דאך געענטפערט, אז בשעת א איד איז זיך מתבונן – קען ער אויסגעפינען די גוטע וואס אין וועלט.

וואס אט דעמאלט ווערט אבער די שאלה, ווי מ׳האט גערעדט פריער בארוכה, וואס די גמרא זאגט אין יבמות, אז בשעת ס׳קומט צוגיין א גוי און ער וויל ווערן א איד, איז נאך איידער ווי מ׳הויבט מיט אים אן רעדן כמה ענינים – זאגט מען אים, ער זאל וויסן זיין אז אידן זיינען ״דוויים וסחופים״. וואס דאס זאגט מען דאך אים ניט ח״ו א ליגן; דאס הייסט דאך ״תורת אמת״, זי הייסט דאס אזוי זאגן דעם גוי. הייסט דאס, אז על פי תורת אמת זיינען אידן ״סחופים ודוויים״, פארוואס? דערפאר וואס מ׳געפינט זיך אין דער וועלט.

און אף-על-פי-כן זאגט מען, אז דאס איז א וועלט וואס דאס איז ״גני״, און דאס איז א הוראה מוכרחת אין הצלחה אין עבודת ה׳, כדי מ׳זאל ניט ארייפאלן אין יאוש, און נאכמערער – מ׳זאל קענען אנקומען צו עבודה כדבעי, ״עבדו את ה׳ בשמחה״,

– אף-על-פי וואס דאס איז אן ״עבודה גדולה״, ווי דער לשון הרמב״ם אין סוף הלכות לולב, וואס ער זאגט, אז עבודת ה׳ בשמחה, ״שמחה של מצוה״, איז דאס אן ״עבודה גדולה״. וואס על פי פשטות איז דאך דער טייטש, אז דאס איז א שטארקע, א גרויסע עבודה; אבער אף-על-פי אז דאס איז א גרויסע עבודה, און אף-על-פי וואס ער ברענגט דארט א ראיה פון דוד׳ן דוקא וכו׳ – אבער ער ברענגט דאך דערפון א ראיה אז דערפאר דארף זיך פירן יעדער איד אזוי –

וואס לכאורה איז דאס א דבר והיפוכו: ווי אזוי קען מען דא זיין בשמחה, און תורת אמת זאגט אז אידן זיינען ״סחופים ודוויים״?

נז. איז דאך דער ביאור, ווי גערעדט פריער:

אט די ענינים וואס ברענגען ביי א אידן שמחה – האט א גוי צו זיי קיין שייכות ניט. במילא, ער קען זיי ניט נעמען, דערפאר וואס דאס וועט ביי אים ניט נקלט ווערן. אז מ׳וועט דאס אים געבן – וועט דאס בלייבן א באזונדער ענין, ניט ער וועט דערפון האבן א הנאה אמיתית, כאטש ער קען אנשטעלן דעם פנים וכו׳; אט דאס וואס ער קען נעמען – איז נעמען אט די ענינים אין וועלכע א איד איז ״סחופים ודוויים״.

בשעת ס׳רעדט זיך וועגן א אידן, וואס ער נעמט אט די ענינים טובים, רוחניים וקדושים, אין גשמיות גופא – די רוחניות שבגשמיות; איז אט דעמאלט, אט דאס וואס ס׳איז דא אן ענין אין וועלכן ער איז ״סחוף ודווי״ – איז דאס שלא בערך צום ענין התענוג שלו. און ווי גערעדט אויף דערויף די דוגמא, אז מ׳זאל זאגן איינעם אז ער האט פארדינט אלף אלפים וריבוא רבבות דינרי זהב און האט פארלארן א פרוטה אחת של נחושת – איז דאס אן ענין וואס האט קיין ארט ניט אין שכל, אפילו צו דערמאנען דאס.

אט דער אבער וואס ער האט ניט קיין השגה, ער ווייס ניט וואס זהב איז, ער ווייס מערניט ווי נחושת – איז במילא, די אלף אלפים וריבוא רבבות פון דעם זהב דערגרייכט ניט צו אים; וואס זעט ער? אז א פרוטה נחושת איז געגאנגען פארלארן.

נח. א גוי, כל זמן ער איז זיך ניט מגייר כהלכה – האט ער א שייכות צו ענינים פון וועלט, ואדרבה, ״מפרנסין עניי ישראל עם עניי עכו״ם״, מיט די אלע פרטים. דערנאך אויכעט, צווישן אלע מצוות איז דא א מצוה, אז מ׳דארף זען אז א גוי זאל מקיים זיין שבע מצוות בני נח מיט כל הסניפים שלהם, וואס דאס איז א ציווי אויף אידן. וואס דערפון גופא איז דאך א הוכחה, אז א גוי איז א מציאות, און א איד דארף זיך משתדל זיין בטובתו, און אז דאס איז איינע פון די מצוות, פון די ציוויים, וואס ס׳ליגט אויף א אידן.

אבער במה דברים אמורים? שבע מצוות דיליה. בשעת ס׳רעדט זיך אבער וועגן די אנדערע מצוות, און אפילו די שבע מצוות גופא ווי זיי זיינען ביי א אידן – זיינען זיי אין אן אנדער גדר ווי דאס איז ביי א גוי,

– די אלע שבע מצוות בני נח זיינען דאך פון די תרי״ג מצוות, ביז וואנעט אז דער לשון המדרש הידוע, אז פארוואס ווערט זי אנגערופן בשם ״רות״ (ועל דרך זה בנוגע צו ״יתרו״, איז דאך אויכעט אין דערויף דא די אותיות ״רות״)? דערפאר וואס על ידי גירות איז זיי צוגעקומען תר״ו מצוות, ווארום ז׳ מצוות האט ער געהאט פון פריער. איז אבער דערנאך –

ווי ס׳איז מוכרח אויך פון הלכה בפועל, אז די שבע מצוות בני נח, ווען דער בן נח איז זיך מגייר, איז אף-על-פי וואס לכאורה איז אים צוגעקומען מערניט ווי זעקס הונדערט זעקס – איז דאס אבער ניט אזוי: דערנאך, אז ער איז מקיים די מצוה פון עבודה זרה, איז דאס אן אנדער סוג מיט אנדערע גדרים מיט אנדערע דינים וכו׳, ועל דרך זה אין אלע שבע מצוות בני נח, צי דאס איז ״אבר מן החי״, מיט די אלע ענינים וואס סימן שלהם איז ״א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ו׳ ז׳״, כמבואר בכמה מקומות.

דאס הייסט, אז ער באקומט די שבע מצוות וואס אין זיי איז מחוייב אויכעט א בן נח, אין אן אנדער אופן. וואס דערפאר איז דאס ניט א חילוק וואס דאס איז שבע דינרי זהב און דאס איז תרי״ג דינרי זהב; נאר שבע מצוות בני נח דארף ער זיי טאקע מקיים זיין – ווי דער רמב״ם זאגט – דערפאר וואס אזוי האט דער אויבערשטער אנגעזאגט ביי מעמד הר סיני דורך משה רבינו, אבער דאס אזי ניט אט דער ציווי פון ״לא יהיה לך אלקים אחרים״ וואס מ׳האט געגעבן אידן. ועל דרך זה בנוגע צו אבר מן החי, גילוי עריות, און שפיכות דמים, און דינים מיט גזל וכו׳, מיט אלע שבע מצוות בני נח.

במילא, דאס איז אן אנדער סוג: דאס איז ניט זהב וזהב, וואס דעמאלט איז עס א חילוק אין כמות, דאס איז זיבן און דא איז זעקס הונדערט און דרייצן, צוגעקומען זעקס הונדערט און זעקס; נאר די זיבן ווערן אויכעט אין אן אנדער סוג.

נט. במילא, אז מ׳קומט צוגיין צו א גוי, וואס דער גוי האט דעמאלט דעם שכל פון א גוי, איידער ער האט זיך מגייר געווען – איז ער א גוי לכל ענייניו.

ס׳איז מערניט וואס ס׳איז דא די שקלא וטריא, צי מעג מען מיט אים לערנען די הלכות פון די מצוות, ווארום אז ניט – ווען ער וועט זיך מגייר זיין, וועט ער ניט וויסן וואס צו טאן און וואס ניט צו טאן, וואס דאס איז אלס א הכנה צו זיין גירות – נעמט דאס אראפ דעם איסור פון לימוד תורה עם עכו״ם (וואס ס׳איז א באזונדער שקלא וטריא ווען ער ווערט אין דערויף מחוייב, און פארוואס מ׳מעג דאס, מיט א גאנצע שקלא וטריא).

על כל פנים, אט דאס איז אבער וואס ס׳איז מוכרח מכמה הלכות, ביז א דין בפועל: דער עונש פון א בן נח אויף עבודה זרה איז אנדערש פון די גדרים און די תנאים בזה ביי א אידן. שבע מצוות בני נח איז אינגאנצן אנדערש ווי די שבע מצוות זיינען ביי א אידן.

וואס דערפאר, איז בשעת מ׳רעדט מיט א גוי איידער ער האט זיך מגייר געווען כהלכה – איז דאס אן אמת, אז דאס וואס ער זעט ביי אידן, זיינען אידן ״סחופים ודוויים״. ווארום אט דאס איז וואס ער זעט ביי א אידן, דער אושר פון ״אשרנו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו״ – ער האט דערצו קיין שייכות ניט און קיין השגה ניט.

ס. און ווי ס׳שטייט אויף דערויף א דוגמא: אז מ׳זאל רעדן מיט אן עיור וועגן צבעים – מ׳קען דאס אים ניט מסביר זיין. מסביר זיין א בלינדן א חילוק אין צבעים איז ניט שייך, ער האט דערצו קיין שייכות ניט. ניט וואס ער ווייס עפעס, נאר וואס דען? ס׳האט צו אים קיין שייכות ניט; ער איז אינגאנצן ניט שייך אין דעם גדר פון צבעים, פון פארבן, פון מראות.

ועל דרך זה, איידער ס׳איז דא דער ענין פון מתן תורה – וואס דעמאלט איז געווען דער ״אתה הראת לדעת״, וואס אידן האבן דערזען אט דאס וואס מ׳דארף זען, זיינען זיי געווארן ״עם קרובו״, און דעמאלט איז געווען דער ״ובחר בנו מכל העמים״ – איז די גאנצע וועלט געווען ״מתנהג באפילה״; ס׳איז געווען פאר דעם ״אתה הראת״.

איז דערנאך אז מ׳זאל רעדן מיט א בלינדן וועגן צבעים – איז דאס על דרך ווי מ׳זאל רעדן מיט א גוי וועגן דעם ״אשרנו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו״: ער קען דאס מאכן דערפון עפעס א דוגמא מיט ענין שלו, אבער דאס איז א זאך וואס ער קען אין דערויף ניט האבן קיין השגה. במילא, וואס בלייבט ביי א גוי? בלייבט א איד סחוף ודווי. וואס בלייבט ביי א אידן? וואס א איד ווייס סיי וועגן גשמיות, סיי וועגן רוחניות.

סא. און ווי געמערדט כמה פעמים, ניט ווי עשו האט געוואלט, אז יעקב זאל ניט האבן קיין שייכות צו עולם הזה, וכידוע אין דעם מדרש הידוע, אז מ׳האט זיך פאנאנדערגעטיילט: עשו האט גענומען עולם הזה און יעקב האט גענומען עולם הבא. האט עשו געזאגט, אז וואס האט יעקב א שייכות צו עולם הזה? – איז באמת׳ן חס ושלום! ווי ער זאגט אין מדרש: ״לא נברא זהב אלא בשביל בית המקדש״.

אדרבה – ״טוב הארץ״, די גוטסקייט פון גשמיות, איז דאס מערניט ווי צוליב אידן. ווארום א ניט-איד – אים דארף מען געבן די הכרחיות כדי ער זאל קענען ממלא זיין ענייניו ווי זיי זיינען פארבונדן מיט שבע מצוות בני נח. א איד, וואס ״בנים אתם לה׳ אלקיכם״, ו״ברא כרעא דאבוה״, ווי דער אלטער רבי איז מאריך אין תניא, ביז וואנעט ווי מ׳זאגט דער לשון הזהר הידוע: ״ישראל אורייתא וקודשא בריך הוא כולא חד״ –

איז פונקט אזוי ווי דער אויבערשטער איז עצם התענוג – על דרך זה דארף דאס זיין ביי א אידן. און פונקט אזוי ווי ביי דעם אויבערשטן איז ניטא קיין זאך, ״אין עוד מלבדו״ – אט אזוי איז ניט שייך א זאך אין וועלט וואס א איד זאל אויף דערויף קיין שליטה ניט האבן, ווארום דעמאלט וואלט די זאך קיין מציאות ניט געהאט: וויבאלד אז ״בראשית – בשביל ישראל שנקראו ראשית״, איז אויב ס׳איז דא א זאך אין וועלט וואס איז ניט פארבונדן מיט א אידן – קען די זאך קיין מציאות ניט האבן.

מוז מען דאך זאגן, אז אויב ס׳איז דא א מציאות פון גשמיות, און אין די גשמיות איז דא ״טוב הארץ תאכלו״, און ס׳איז דא ״כל חלב״ – איז דאס דערפאר וואס דאס האט א שייכות צו א אידן. ביז וואנעט ווי דער לשון המדרש האמור, אז ס׳איז גאר דא ענינים פון ״טוב גשמיי״, זהב כפשוטו, איז דאס אן ענין וואס אין גשמיות גופא איז דא א דבר טוב.

זאגט מען אבער, אז זהב איז מערניט ווי צוליב׳ן בית-המקדש, נאר דערנאך איז ער אויך נמשך געווארן בעולם. על דרך זה – דער ״זהב״ ומובחר בכל ענין שבעולם.

וואס דאס איז דאך ווי דער פסק הרמב״ם הידוע, וואס איז אויכעט אראפגעבראכט אין שולחן ערוך, אויף ״כל חלב לה׳״: אז אויב ס׳איז דא א ״חלב״, א טוב ונאה ויפה – דארף ער דאס אפגעבן ״לה׳״. פארוואס? – דערפאר וואס דאס איז ״חלב״, דער טוב ומובחר ונאה ויפה פון א דבר גשמי. פארוואס דארף ער דאס אפגעבן

להי׳? דערפאר וואס דאס געהערט צו קדושה. צוליב ענינים של רשות קען מען אויסקומען אן ״חלב״, אן דבר נאה, ס׳איז געגוג הכרחיות אליין.

סב. וואס דערפאר, אז א איד זאגט דעם גוי אז ער איז דחוף וסחוף ודווי – זאגט ער אים ניט קיין ליגן: ער האט פארלארן די ״פרוטה של נחושת״, ווארום ער ווייס וואס דאס איז, און דאס האט צו אים א שייכות, ולא נבראו אלא בשביל ישראל – די נחושת שבעולם אויכעט, כל הענינים שבעולם – און במילא, אז ער האט דאס פארלארן, ער האט ניט דעם ״טוב הארץ תאכלו״ כפשוטו – איז ער סחוף ודווי.

ס׳איז אבער אט דאס וואס ער באקומט בכל יום ויום, ״ישראל אורייתא וקודשא בריך הוא כולא חד״ – איז דאס אן ענין שלא בערך. ווי גערעדט פריער: אפילו ביי זהב ונחושת, וואס דאס איז דאך אין די זעלבע איכות של ממון, אבער אלף אלפים וריבוא רבבות של זהב איז שלא בדוגמא צו פרוטה אחת של נחושת – דא איז נאר דער חילוק ניט נאר אין כמות, נאר נאכמערער – דער חילוק אין איכות.

ועל דרך ווי דער רמב״ם איז מבאר אין הלכות תשובה בנוגע צום שכר, אז ס׳איז דא אט די טיפשים וואס זיי קענען זיך ניט פארשטעלן א שכר לעתיד לבוא סיידן דאס איז פארבונדן מיט גשמיות, במילא ברענגט ער אראפ די דוגמא ווי ס׳איז געווען ביי ישמעאלים – וואס דאס איז געווען די מדינה וואס ער האט דארט געלעבט – אז זיי שטעלן זיך פאר דעם שכר לעתיד לבוא וכו׳ וכו׳.

וואס דאס איז דאך אויכעט מיוסד אויף דער גמרא הידועה אין עבודה זרה, וואס שבור מלכא האט געפרעגט ביי רבאין, צי ער וועט אויכעט האבן לעתיד לבוא אט דאס וואס ער האט, די זונות ערומים. וואס בשעת רבא האט מיט אים געהאט צו טאן, איז א סימן אז ער איז געווען א בעל שכל, ניט סתם א בעל תאוה אן קיינע ענינים של שכל והבנה והשגה; אף-על-פי-כן אט דאס איז וואס דער רמב״ם זאגט: זיי קענען זיך ניט פארשטעלן, מצד דערויף וואס השגה אין רוחניות איז ניטא, ווי אזוי קען זיין מילוי השכר, אויב דאס איז ניט אין גשמיות גופא, נאר וואס דען? בעסערע גשמיות.

על דרך זה אין רוחניות איז אויכעט דא רוחניות למעלה מרוחניות, על דרך ווי א תענוג פון התרת הספיקות, וואס ״אין לך שמחה כהתרת הספיקות״ – און דער צווייטער נוסח: ״אין לך תענוג כהתרת הספיקות״ – איז דאך דאס אויכעט א תענוג, א תענוג רוחני, דערנאך איז אבער דא אין רוחניות אויכעט נאך עילוי למעלה מעילוי.

ביז וואנעט ווי דער רמב״ם איז דאס מחלק אין די דריי דרגות אין עליה בחכמה, ביז צו דער דריטער דרגא – אז פון לימודו קומט ער צו צו אלקות, וואס דאס איז נאך העכער פון רוחניות, פון חכמה והבנה והשגה.

וואס דערפאר איז בשעת א איד זאגט אים אז סחוף ודווי – זאגט ער אים אויכעט אן אמת, ווי בהרגשתו אויכעט: ער ווייס ער האט פארלארן א פרוטה של נחושת. ער ווייס אבער, אז בשעת מעשה האט ער פארדינט ניט נאר אלף אלפים וריבוא רבבות דינרי זהב, נאר אן ענין וואס שלא בערך באיכות צו דער גאנצער מציאות פון נחושת און זהב.

*

סג. וואס דערפאר, אז מ׳קומט צוגיין און מ׳זאגט אז דורך מעשה ידי אדם קען מען מאכן פון א גוי א אידן – דאס איז אן ענין וואס ניט מ׳איז עפעס מעוות אן ענין של אמת און מ׳וויל מאכן א ״האלבן אמת״, א ״פערטל אמת״; דאס איז אינגאנצן ניט קיין אמת, ווארום דא רעדט זיך וועגן אן ענין וואס עס דארף ווערן א נייע מציאות:

ס׳איז דא א מציאות וואס דאס ווערט אנגערופן בשם ״איד״, און וואס אויף דער מציאות האט דער אויבערשטער געזאגט אז ״בו בחר מכל העמים״, ״ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי״, און דאס ווערט געטאן בכח שלמעלה, ״ואביא אתכם אלי״, און האט געזאגט ״ובנו בחרת״ – אז דאס איז פארבונדן מיט נתינת התורה.

און וויבאלד אז דאס איז אן ענין פון ״ואביא אתכם אלי״, וואס דאס גייט אויף אלקות – איז פונקט אזוי ווי ס׳איז אין ערוך צווישן אלקות מיט רוחניות שבעולם, וואס דאס איז דאך הכל מודים; ס׳איז אין ערוך צווישן רוחניות מיט גשמיות, וואס דאס איז אויכעט הכל מודים – איז דערפון איז אויכעט פארשטאנדיק, אז בשעת ס׳איז דא ״ואשא אתכם גו׳ ואביא אתכם אלי״ אין אלקות, און ״ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא כולא

חד״, אז דאס ווערט א מציאות פון א איד בדוגמא שלמעלה, ״חלק אלוקה ממעל ממש״ – איז דאס ניט אן ענין פון א חילוק אין כמות, צי א חילוק על כל פנים באיכות, אבער בערך; דאס איז א חילוק וואס דאס איז אינגאנצן קיין שייכות ניט איינע מיט די צווייטע.

וואס דערפאר איז האט מען אויף דערויף מערניט ווי דעם איינציקן וועג, אז מ׳זאל פועל׳ן ביי דעם אויבערשטן, אז פונקט אזוי ווי דער אויבערשטער האט געטאן מיט ״עם קרובו״ ביי מעמד הר סיני, ״ואביא אתכם אלי״ – אזוי זאל ער טאן מיט אט דעם בן אדם. האט דער אויבערשטער געזאגט ווי אזוי מ׳קען דאס ביי אים פועל׳ן.

סד. איז בשעת ס׳קומט צוגיין א מענטש, און כל מלכי מזרח ומערב, און זיי וועלן אליין אויסגעפינען וועגן ווי דאס צו טאן,

– זיי קענען טאן דאס וואס האט א שייכות צו מענטשן. און דארט איז אויכעט א ספק צי זיי קענען מתקן זיין צי זיי קענען מקלקל זיין, ביז וואנעט אז ס׳קען גאר זיין ״חכמים המה״ און ס׳איז ״להרע״. אבער ס׳איז אלץ וואו איז עס שייך דער דינגען זיך? איז דאס שייך דער דינגען זיך למטה מעשרה טפחים, וואס דארט איז די מציאות פון ״רשות הרבים״, במילא איז קען דארט זיין אין אזא מין אופן, אין אזא מין אופן, ״נעשה״ לשון רבים. למעלה מעשרה טפחים –

אט דארט איז ״רשות היחיד״, ״יחידו של עולם״, און אט דארט ער איז דער איינציקער. ער איז בעל-הבית אין רשות הרבים אויכעט, אבער דארט האט ער געגעבן א מקום, ״כל הרוצה לטעות יבוא ויטעה״; למעלה מעשר טפחים – ניטא קיין מקום לטעות.

מ׳קען מערניט ווי איינשפארן: זאגן אז ווייסן ווייס איך אז דאס איז א צרה, אבער אף-על-פי-כן ער וויל זיין רח״ל א מזיק בעצמו ומזיק בכלל ישראל, ו״מי יאמר לו מה תעשה״, דער אויבערשטער האט אים געגעבן בחירה חפשית. דאס איז אבער אלץ בנוגע וואס ער קען אנטאן א חורבן רח״ל מיט א היזק;

איבערמאכן אבער א מהות: אז דער אויבערשטער האט יענעם באשאפן למטה מעשרה טפחים, און ער וויל מכריח זיין כביכול דעם אויבערשטן אז ס׳זאל זיין ״ואביא אתכם אלי״, זאל אזוי זיין מיט פלוני בן פלוני – וואס ער איז א גוי, און דער אויבערשטער זאגט אז ער איז א גוי, און דער גוי אליין זאגט אז ער איז א גוי, וכן יקום –

דאס איז א זאך וואס דאס האט קיין ארט ניט אין שכל פשוט, אז אימיצער זאל אזוי א טעות האבן. נאר וואס דען? מ׳לעבט אין אזא מין וועלט וואס דער גוי הידוע האט מכריז געווען, ווען מ׳האט ביי אים געפרעגט: פארוואס זאגט ער א זאך וואס אלע ווייסן אז ס׳איז היפך האמת? האט ער געזאגט, אז מ׳לעבט אין אזא מין וועלט וואס אז מ׳זאגט א קליינעם ליגן – וועט מען אים אפפרעגן; אז מ׳וועט זאגן א גרויסן ליגן – איז מצד די גרויסקייט פון דער זאך ווערט יענער צוטומלט, נעמט ער דאס אן...

סה. און ווי ס׳איז דאך אויכעט ידוע, ווי גערעדט כמה פעמים, דער בריוו פון דעם אלטן רבין, וואס דער אלטער רבי האט געשריבן צו זיינע חסידים בימיו, וואס זיי האבן געהאט אויף זיך רדיפות נוראות; האט ער געשריבן, אז מ׳דארף דערפון גופא, פון די טענות המתנגדים, זעט מען אז ס׳איז ניטא פון וואס ביי זיך זיין אראפגעפאלן, ווארום זיי זאגן אזוינע טענות וואס האבן קיין אחיזה ניט במציאות, די טענות האבן קיין אחיזה ניט מיט אמת.

וואס איז דא די שמחה? אזוי איז דאך יעדער מענטש איז דאך עלול לְטעות, אפילו משה רבינו כביכול, ווי די גמרא דערציילט און מדרש זאגט וכו׳. בשעת אבער מ׳זעט אז ס׳איז דא דער מנגד,

– וואס ער וויל באמת מלחמה האבן, און מאכט דערפון קיין סוד ניט, און שטעלט זיך ניט אפ פאר קיינע ענינים, און ווי גערעדט כמה פעמים – ״המיצר לישראל נעשה ראש״:

אמת, אים איז ניט נוגע די מלחמה, אים איז נוגע דער ״נעשה ראש״, און ער האט זיך איינגערעדט: ווי אזוי וועט ער קענען ווערן א ״ראש״? אז ער וועט ״מיצר״ זיין לישראל. איין אידן, צוויי אידן – איז א גרעסערער ״מיצר״; אויב ער וועט קענען ״מיצר״ זיין צו כלל ישראל, צו פערצן מיליאן אידן – האט ער מאמר חז״ל אז ער דארף ווערן א ״ראש״ גדול, ווארום ער איז א ״מיצר״ ניט צו א חלק פון אידן, נאר צו אלע פערצן מיליאן אידן טוט ער זיי אן צרות, דארף ער ווערן א ״ראש״ גדול... –

בשעת מ׳זעט אז אט דער געפינט ניט קיין דבר של טעם ושכל אויף אפפרעגן; די איינציקע זאך וואס ער קען זאגן, איז אז זאך וואס אלע ווייסן אז די מציאות איז ניט אזוי – אט דאס גופא איז שולל כל מציאות של ספק צי גייט מען אויף א גלייכע וועג.

סו. וואס על דרך זה איז בעניננו:

פריער האט מען געזאגט, אז דער פסק דין פון רבנות וועגן דעם, איז געווען קודם החוק. דערנאך איז מען געפאלן אויף א בעסערע המצאה: וואס דארף מען זאגן אז ס׳איז געווען קודם החוק, מ׳וועט זאגן אז ס׳איז בכלל ניטא קיין פסק דין...

די גמרא זאגט אין ברכות ״איך יכול החי להכחיש את החי״, און דא – אט זיינען דא די זיבן אידן וואס זיי זיינען געווען אויף יענער אסיפה און זיי האבן מחליט געווען, און מחליט געווען פה אחד – ניט בית שמאי ובית הלל, נאר מחליט געווען פה אחד – און מ׳האט דאס געדרוקט, און קיינער האט דאס ניט מכחיש געווען. אט דער וואס איצטער איז דאס מכחיש – האט דאס אויך ניט מכחיש געווען. און דארט שטייט בפירוש, אז א פקיד טאר ניט פארשרייבן, און פאר דערויף שטייט אז א גיור מוז זיין כהלכה, אז ניט – איז דער גוי בלייבט א גוי, און מ׳דארף ארויסגיין פון ממשלה.

איז ווי גערעדט פריער: אויב דאס איז א גרויסער ליגן – ווערט דער עולם צוטומלט, במילא וועט מען דאס דערווייליע זאגן, און דערנאך וועט מען זען. איז וויבאלד אז מ׳זעט אז דער מנגד האט ניט קיין אנדערע טענות, מערניט ווי צו זאגן אז דער פסק דין איז געווען קודם החוק, אדער אז ס׳איז איינגאנצן ניט געווען קיין פסק דין, אדער אז ס׳איז בכלל ניטא די מציאות פון א גוי וואס איז פארשריבן געווארן ווי א איד וכיוצא בזה –

אט דאס גופא איז שולל כל מציאות של ספק צי גייט מען אויף א גלייכע וועג אז ס׳מוז זיין גיור כהלכה, אדער ס׳איז עפעס דא א קצת אחיזה אויף צו זאגן אז אפשר קען זיין רח״ל גיור באופן אחר.

סז. ביז וואנעט אז ס׳איז דא א נייע טענה. מ׳רוט דאך ניט, מ׳דארף דאך עפעס מחדש זיין חידושים; איז מען איינגעפאלן גאר אויף אן אנדער סברא, אז צי מ׳דארף זיצן אין ממשלה צי ניט – דאס האט ניט קיין שייכות צו א דין, דאס איז אן ענין אין פאליטיקע...

ווי קען מען זאגן אז ס׳האט ניט קיין שייכות צו א דין? אפילו ווען יענער וואלט ניט געהאט קיין שייכות צו דעם משרד פון רעגירונג וואו מ׳פארשרייבט א גוי פאר א אידן – איז טראגט ער על פי הדין די אחריות מיט אלע שותפים אין דער רעגירונג. על-אחת-כמה-וכמה אז דאס איז אט דער וואס זיינע פקידים, אדער ער אליין, אדער סייעתא דיליה וכו׳, אדער מפלגה שלו, זי הייסט פארשרייבן, און טוט דאס אזוי בפועל.

און מ׳ווייס אז ״אין שליח לידי עבירה״ – דאס איז א כלל מונח בכל התורה. במילא, ענטפערן דעם תירוץ אז ער האט קיין ברירה ניט, ער איז מערניט ווי א שליח – קען מען ניט, ״אין שליח לדבר עבירה״. במילא טוט ער דאס על אחריות עצמו.

און דערנאך איז בנוגע אז א רב האט גע׳פסק׳נט – איז וואס איז שייך צו זאגן, אז ס׳קומט צוגיין א בעל-הבית און זאגט דעם רב: הער זיך איין, דאס איז ניט שייך צו הלכה, דאס איז שייך צו פאליטיקע; דאס איז שולל די גאנצע מציאות פון תורה!

און דא קומט צו גיין א בעל-הבית צו א רב און זאגן, אז איך קען ניט לערנען בעסער פון דעם רב, נאר וואס דען, דער רב ווייס ניט וואס ס׳טוט זיך אין וועלט און איך ווייס יא וואס ס׳טוט זיך אין וועלט, במילא ווייס ער אז דאס איז ניט הלכה, נאר דאס איז אן ענין של פאליטיקע,

– האט מען שוין געהאט אט די ״פאליטיקע״ בכל הדורות כולם, און ס׳האט רח״ל מחריב געווען כל חלקה טובה בישראל.

ווארום ״כך היא אומנתו של יצר הרע״: ניט ער קומט צוגיין און הויבט אן ״לך עבוד עבודה זרה״; הויבן הויבט ער אן ״עשה כך״, און דערנאך, סוף כל סוף, אז ער זעט אז ער בלייבט זיצן, און מ׳הערט זיך צו צו אים, און מ׳פרעגט דעתו וחוות דעתו וכו׳ – איז סוף כל סוף לאזט זיך אויס ״לך ועבוד עבודה זרה״.

ועל דרך זה בעניננו:

אז מ'וואלט קומען צוגיין לכתחילה זאגן: הערט זיך איין, מ'דארף טאן פארקערט ווי רבנים זאגן – ביי א אידן וועט זיך דאס ניט לייגן; איז מען געפאלן אויף דער המצאה, זאגן אז די רבנים האבן ניט געזאגט. ווערמען זאגט מען דאס? די רבנים וואס זיי האבן דאס געגעבן דעם פסק דין! ווארום מ'געפינט זיך אין דער זעלבער שטאט, אין די זלבע ד' אמות.

וכאמור לעיל, דער נייסטער תירוץ איז – אז דאס איז ניט אן ענין של הלכה, צי דארף מען זיצן אין ממשלה צי ניט, נאר דאס איז אן ענין פון פאליטיקע.

סח. איך האב געזאגט אמאל אויף דערויף איינעם, אז ס'איז דא א מעשה אין גיטין:

ס'איז געווען א מעשה מיט חנה ושבעת בניה, וואס רח"ל די ערשטע זעקס קינדער האט ער אפגעה'רג'עט. דערנאך איז געבליבן דער זיבעטער קינד, האט אים געזאגט דער מלך, דער מלך יון, האט געזאגט דעם זיבעטן קינד: הער זיך איין, דאס איז ניט הלכה, דאס איז "פאליטיקע"...

אזוי ווי ער איז א מלך, און ער דארף באווייזן לפני עבדיו ושריו אז אלע פאלגן אים, במילא דארפן זען עבדיו ושריו, אז דער איינגעלע פאלגט אים אויכעט. אבער עבודה זרה – חס ושלום... ער וועט מערניט ווי אוועקלייגן א טבעת, און ער זאל אויפהויבן די טבעת און זאל דאס אים געבן, נאר די טבעת וועט ליגן לפני עבודה זרה, במילא וועט ער זיך דארפן בוקן וכו'.

וואס אט דא קומט צו א חידוש נפלא וואס ס'איז שלא בדומה – דאס איז א סך לייכטער ווי אונזער ענין:

עבודה זרה איז פארבונדן מיט א מחשבה שבלב. דאס הייסט, ווען ער טוט עניניו און טראכט אז ער איז מבטל און האט ניט קיין שייכות צו עבודה זרה, ער הויבט אויף די טבעת כדי אפצוגעבן דאס צו מלך יון, איז ער ניט עובד עבודה זרה.

ס'איז מערניט וואס בית דין קען זיך ניט רעכענען מיט דברים שבלב, ווי די תשובת "נודע ביהודה" הידועה, אז ווען ניט אזוי – ווערט בטל כל דיני בית דין ועדות וכו', איז במילא "אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות": ער זעט אז "השתחוה לעבודה זרה" – דארף ער אים דן זיין לויט הלכות עבודה זרה.

דאס איז אבער מערניט ווי דער בית דין; אט דער אליין, דער וואס האט זיך איינגעבויגן – איז ער ניט קיין עובד עבודה זרה, ווארום בשעת מעשה טראכט ער ניט אויף להשתחוות לה, ניט ער איז מכיר ברשותה וכו'.

וכמעשה הידוע מיט "שפער עצמו לפני בעל פעור" אויף מבזה זיין איר, דערנאך האט מען אים געזאגט: הער זיך איין, דו האסט עובד געווען די עבודת בעל פעור ווי קיינער האט נאך אזוי ניט אויפגעטאן, די הפלאה אין די עבודת בעל פעור. אבער אין אמת'ן ער אליין האט ניט עובד געווען עבודה זרה.

וואס על פי זה לכאורה ווערט דאך א קשיא אויפן קינד (וואס דא רעדט זיך ווען קינדער וואס האבן געוואוסט אן ענין): וואס וואלט אים געארט אז ער הויבט אויף דעם טבעת? קיין בית דין איז דערביי ניט געווען, ס'איז ניט געווען "יד ישראל תקיפה". עובד עבודה זרה איז ער ניט, דערפאר וואס ער הויבט אויף א טבעת און דערלאנגט דאס דעם מלך יון, און דערביי וועט בלייבן א איד לעבן, ס'וועט צוקומען א איד א שומר תורה ומצוה. על-אחת-כמה-וכמה וואס רח"ל ס'איז געווען דער אייציקער קינד וואס ס'איז געבליבן ביי חנה פון אלע זיבן קינדער!

האט אבער דער אינגל ביי זיך געטראכט, און די גמרא ברענגט דאס אראפ אין תורה שבעל פה אלס א חלק פון תורה שבעל פה, אז וואס איז אים די נפקא-מינה די חשבונות וואס ער וועט מאכן פאר זיך; ארום אים שטייען אידן, און דערנאך אז ס'שטייען ניט – וועלן זיי זיך דערוויסן מארגן. וואס וועט מען זיך דערוויסן? אז ס'איז דא א אידיש קינד וואס האט זיך געבוקט פאר עבודה זרה, כדי צו געפעלן א גוי, אדער כדי צו מציל זיין נפשו פון א גוי.

איז וואס איז אים נוגע צי ער איז אזא מין סוג צי אזא מין סוג, צי אזוי צי אזוי; דאס איז אן ענין פון עבודה זרה, "אביזרייהו" וכו', במילא איז נהרג ומסר נפשו על קידוש השם.

און דא איז א סאך ערגער:

אז מ'קומט צוגיין און מ'זאגט אז א איד זאל געבן א הכשר, און טענה'ן אז ער האט סמיכות אויף רבנות און ער איז א פרומער איד, און אז ער איז דער וואס מ'האט אים אויסגעקליבן ער זאל מגין זיין על ה' ועל תורתו,

און גיין און שרייבן אויף א גוי אז ער איז א איד, און הייסן פקידו ושלוחו אז זיי זאלן שרייבן אויף א גוי אז ער איז א איד,

– איז דאס וואס מ'איז מסביר אז דאס פאליטיקע, און מ'איז מסביר אז ס'איז ניטא קיין פסק דין וכו' – איז גלוי וידוע פאר אים און פאר ארום אים און פאר אלעמען אז ניט דאס איז די מציאות!

סט. און מ'רעדט דאס, אפילו אז בגנות פון ניט קיין מענטשן איז אויכעט "לא דיברה תורה", וואס דאס איז דאך א הוראה פאר יעדער אידן: אויסהיטן זיך פון רעדן בגנותו של בן אדם, על-אחת-כמה-וכמה פון א אידן. אט דאס וואס מ'וויל דא ארויסברענגען איז:

אט די טענה וואס מ'טענה'ט "מה הועילו חכמים" וואס מ'טומלט זיך אזויפיל צייט אז ס'זאל זיין גיור כהלכה – לכאורה איז ניטא אין דערויף קיין הזזה, במילא איז א שאד די צייט, א שאד די געלט, ס'איז ניט שיין, און מ'לאכט זיך אויס וכו', און ס'איז דא מלעיגים ומביישים וכו',

– איז ערשטנס האט מען יע גע'פועל'ט: ווען מ'וואלט דאס נאכגעגעבן, אויפגעהערט שרייען – וואלט פון לאנג ניט געווען קיין זכר פון די אלע ענינים וואס מ'האט אפגעהאלטן, און דערווייל האלט זיך דאס נאך, אויף "הינערשע פיסלעך", אבער ס'האלט זיך נאך.

און ווי יענער אליין האט מסביר געווען, אז בשעת ס'וועט נתפרסם ווערן, אז מ'וועט קיינמאל ניט ארויס פון ממשלה – קען מען ניט ביי איר עפעס פועל זיין. דערפאר האט מען טאקע רח"ל צוגענומען ביי זיי דעם ענין פון חינוך אין ירושלים, צוגענומען איצטער אן ענין פון חינוך פון נוער. כ'וועל ניט זאגן "אין פוצה פה ומצפצף"; מ'האט מכריז געווען אז דאס איז היפך פון "סטאטוס קווא", במילא האט מען שוין אפגעטאן, און מ'האט דאס צוגענומען. ועוד ידם נטויה.

פארוואס איז "ידם נטויה"? דערפאר וואס אט די וואס דארפן אויף דערויף מגין זיין גייען ארום און שרייען, אז ס'איז דא "בית שמאי" וואס טומלט, און ס'איז דא "קיצונים" וואס טומלען, און ס'איז דא אזוינע וואס זאגן ניט קיין אמת דערפאר וואס זיי האלטן זיך ביי תורת אמת וכו'.

וכאמור לעיל, האט מען מוסיף געווען נאך א דבר חדש, אז ס'איז בכלל ניט קיין ענין של הלכה, נאר ענין של פאליטיקע.

זיי אליין האבן געזאגט מיט צוויי טעג איידער ס'האט געדארפט דורכגיין דער חוק, אז אויב ס'וועט ניט אריינגעשטעלט ווערן "הלכה" – מוז מען ארויס פון דער רעגירונג, ווארום ס'קען ניט זיין אויף אן אנדער אופן. און דאס איז געדרוקט, און געדרוקט אין זייער צייטונג, וואס די צייטונג איז איצטער דא במציאות. ניט דער פשט ס'איז געווען "קודם המבול" און גארנישט איז ניט געבליבן...

במילא, זאגן אז מ'האט גארנישט ניט גע'פועל'ט – ערשטנס האט מען גע'פועל'ט, וואס מ'האט דערווייל נאך ניט צוגענומען די "שארית הפליטה" וואס ס'איז נאך געבליבן פון דעם. אבער אויכעט דאס וואס ס'איז "ועוד ידם נטויה", און מ'נעמט צו איין ענין נאכן צווייטן.

און די איינציקע מחאה ב"קול ענות חלושה", און דאס איז געווען די שטארקסטע מחאה – אז מ'האט מפיר געווען דעם "סטאטוס קווא"...

ביז וואנענט איך האב געפרעגט ביי איינעם: היתכן, מ'האט דאך ביי אייך צוגענומען דעם ענין החינוך? זאגט ער: וואס הייסט מ'האט צוגענומען? – ס'איז דאך געווען אן אפשטימונג מ'זאל ניט צונעמען. פרעג איך ביי אים: וואס איז געווארן נאך דער אפשטימונג מיט דעם חוק, צי מ'האט דאס מבצע געווען בפועל? זאגט ער מיר: ער מוז מיר מודה זיין, אז בפועל האט מען דאס ניט דורכגעפירט. נאר וואס דען, ער איז צופרידן וואס די הצבעה איז געווען באופן כך, אז דאס דארף מען ביי זיי ניט צונעמען, אבער בפועל האט מען דאס צוגענומען.

דערנאך איז געווען א מעשה מיט ירושלים: צענדליקער יארן האט מען דאס געהאט דעם חינוך, איצטער האט מען דאס צוגענומען. ועל דרך זה איז עוד ידם נטויה. און ווען ס'איז ניטא אט די וואס שרייען אז ס'דארף זיין גיור כהלכה – וואלטן זיי שוין לאנג אינגאנצן צוגענומען. ס'וואלט געבליבן מערניט וואס מ'האלט דעם חותם און מ'דערלאנגט צו א פאפירל און מ'שטעלט ארויף זיין חותם – א ליידיקן פאפיר – דערנאך נעמט מען צו די פאפירל צו זיך, און דערנאך שרייבט מען אהינצו אריין וואס מ'וויל...

[ווי מ'טוט דאס אין ניתוחי מתים וכו' וכו', וואס איך וויל זיך ניט אריינמישן, אבער – כאמור לעיל, אז דא טשעפעט מען זיך, אפשר קען מען אנהויבן רעדן וועגן פאליטיקע, ניט אן ענין של הלכה – אזוי איז ניתוחי מתים אויך אריין אין פאליטיקע: אזוי ווי ס'זיינען דא אזוינע וואס זיינען אנטקעגן חכמת הרפואה, זיינען זיי אנטקעגן ניתוחי מתים... אט די וואס האלטן, אז מ'מוז זיין רופאים ורפואה וכו' – מוז מען האבן ניתוחי מתים.

ס'איז דא אויף דערויף די קשיא: ס'איז דא כמה מדינות וכו' וכו', וואס אין כאן המקום להאריך בזה, כמדובר. איצטער רעדט מען וועגן גיור כהלכה].

עא. און דערנאך איז ווי גערעדט כמה פעמים: ס'איז דא מערניט ווי דריי-פיר מענטשן וואס האלטן אפ אז ס'זאל ניט אריינגעשריבן ווערן "כהלכה", ווארום כמדובר כמה פעמים, ווען זיי גייען ארויס פון דער רעגירונג – איז אט דעמאלט קען מען דאס פועל זיין; ארץ-ישראל מוז איצטער האבן "דתיים" אין ממשלה, אז ניט – קען זי ניט קומען אין וואשינגטאן און קען ניט קומען אין לאנדאן וכו' וכו'.

לכאורה איז דאך די קשיא: אויב דער חשבון איז אזא מין פשוט'ער, איז פארוואס טוען זיי דאס ניט? זיי זיינען דאך ניט קיין להכעיס'ניקעס, דאס איז מען זיי ניט חושד. וויבאלד אז דער חשבון איז א פשוט'ער, אז מ'וועט ארויס פון רעגירונג – מוז מען דערנאך אריינגעמען "דתיים"; איז פארוואס טוען זיי דאס ניט, וואלט זיי דאך געהאט אי עולם הזה אי עולם הבא?

איז דער תירוץ אויכעט א פשוט'ער: זיי זיינען זיכער, אז מ'וועט אריינגעמען "דתיים", זיי האבן מורא אז מ'וועט אריינגעמען אנדערע, ניט זיי... און דאס איז א מורא שיש לו יסוד, דערפאר וואס ס'איז שוין דא אזוינע וואס ווארטן אויף דער רגע כדי צו אנהויבן א מאבק אויף דעם בענקל. וואס דאס איז אויכעט ניט הלכה, נאר פאליטיקע; דאס איז אבער טאקע אמת'ע פאליטיקע...

עב. וכמדובר און דער עיקר, אז מ'האט זיך איינגערעדט, אז ווי אזוי איז איצטער דער סדר אז מ'זאל האבן אן ארט ערגעץ וואו בחברה, על-אחת-כמה-וכמה בארץ הקודש – דארף מען שרייען אז "דתיים עליך ישראל". נאר אזוי ווי ער איז דאך אליין דתי, קען ער ניט שרייען דעם נוסח – שרייט ער "קיצונים עליך ישראל". פריער האט מען געשריען אז "בית שמאי עליך ישראל", דערנאך האט מען זיך געכאפט אז "בית שמאי" איז א חלק פון תורה שבעל פה, ס'איז עפעס ניט שיין טשעפען זיך מיט בית שמאי; האט מען געפאלן אויף א המצאה זאגן דעם נוסח אז "קיצונים עליך ישראל".

אין וואס באשטייט די "קיצוניות"? די קיצוניות באשטייט אין דערויף אז מ'האלט אז א גוי איז א גוי כל זמן ער איז זיך ניט מגייר על פי שולחן ערוך, און דערנאך האלט מען אויכעט אז מ'טאר ניט שרייבן קיין שקר, אפנארן אידן און אפנארן גויים, בשעת יענער איז א גוי – זאל מען שרייבן אז ער איז א איד, ווארום דאס ברענגט מען א צרה אויפן גוי, מ'ברענגט א צרה, להבדיל, אויפן אידן, מ'ברענגט א צרה על כל הדורות שיבואו לאחרי זה.

און דערנאך גייט מען מיט דער שיטה, וואס די גמרא ברענגט דאס לטובה, אז "לשתמש בכסא דזכוכית חיוורתא יום אחד" און דערנאך "והדר ליתבר": דערוויילע וועט ער דאך זיין א משתמש אין א כוס של זכוכית לבנה, איי וואס מארגן וועט זיין דערפאר א מפלה פאר דער גאנצער מפלגה – איז וואס וועט מען טראכטן וועגן מארגן; מארגן, וועט מען מארגן זען.

עג. וואס דא איז אויכעט געווען א מעשה מיט דענמארק: פארוואס האב איך געזאגט אז דער גרות אין דענמארק איז ניט קיין כשר'ע גירות? דערפאר וואס פאר דעם איז געווען א חקירה ודרישה אין רבנות אין ירושלים, וואוהין ס'זיינען אנגעקומען די גרים פון דענמארק, און מ'האט אויסגעפונען אז ס'זיינען געזעצן דארטן אן איש ואשתו אין דעם בית דין. דערנאך, אז מ'האט אים געזאגט אז איש ואשתו טויג ניט – איז געזעסן אב ובנו.

דערנאך, אז מ'האט געזאגט אז דאס טויג ניט – איז מען געפאלן אויף אן אנדער המצאה, אז ספרדים זיינען מחמירים און אשכנזים האלטן אז ס'מאכט ניט אויס... דערנאך איז אבער אנגעקומען פון אשכנזים, פון הרב אונטערמאן, אז אשכנזים האלטן אויכעט אז אב ובנו טויג ניט. ביז וואנעט אז מ'האט געהייסן מגייר זיין נאכאמאל, און מ'האט דאס געטאן בפועל.

און די צייטונג וואס האט אפגעדרוקט, אז דער וואס זאגט אז גירות אין דעם ארט טויג ניט איז דאס א שקר, האט געוואוסט אז ס'איז דא דער בירור ושקלא וטריא אין רבנות ראשית, האט געוואוסט דעם פסק דין אז רבנות ראשית אין ירושלים האט געזאגט אז די גירות טויג ניט, האט געוואוסט אז ניט נאר מ'האט געזאגט, נאר מ'האט אין פועל ממש מגייר געווען א צווייטן מאל.

ווי'זשע קומט די צייטונג דרוקן אזא מין זאך וואס מארגן וועט מען זיי כאפן און זאגן: וואס דרוקסטו א זאך וואס די רבנות ראשית זאגט אז דאס איז טאקע אמת, ניט קיין שקר?

איז אויף דערויף א צייטונג האט כמה ווענן: די ערשטע זאך – קען זי דאך שרייבן, אז ס'האט געזאגט פלוני בן פלוני. האט מען געכאפט ביי א ליגן? איז פלוני בן פלוני א ליגנער, ניט ער. דערנאך איז דא א נייע מאדע, וואס דאס הייסט "מכתב אל המערכת". במילא, "מכתב אל המערכת" – טראגט די צייטונג קיין אחריות ניט דערפאר; דאס האט איינער אריינגעשריבן א בריוו.

במילא ער האט דערפון דאס וואס מ'שרייבט אז ס'איז א שקר אויף אן אמת מוחלט, ווארום ס'איז געדרוקט אין צייטונג, און אז ס'איז געדרוקט אין צייטונג "שחור על גבי לבן" ו"באותיות מרובעות", און אין ארץ הקודש, און דער עורך איז פלוני בן פלוני, א פרומער איד – זאגט מען: "ואל תשכן באהלך עולה"!

א ספר שאינו מוגה, א ספר תורה, אויב ס'איז אינו מוגה – טאר מען דאס ניט האלטן ביי זיך אין הויז! ניט דרוקן און געבן צו לייענען. און דא איז ניט נאר א "ספר שאינו מוגה"; ער ווייס אז דאס איז א ליגן, און ווייס אז די גירות טויג ניט, און ווייס אז מ'האט געמאכט א מעשה בפועל.

גיורי וינה, עד היום הזה הערט מען ניט פון קיין איין און איינציקן פאל אז מ'זאל זיי מגייר זיין, אט די וואס רבנות ראשית האט גע'פסק'נט אז ס'טויג ניט זייער גירות און מ'דארף זיי מגייר זיין נאכאמאל, ס'איז אבער שטיל און רואיק.

גירות דענמארק האט מען מגייר געווען א צווייטן מאל אין ארץ ישראל. נאך מערער: מ'האט אריבערגעפירט איצטער פון דענמארק און די "פאבריק" איז איצטער אין פראנקרייך. די "פאבריק" איז קיימת, זי טוט איר ארבעט, אבער פון דענמארק האט מען דאס צוגענומען. פארוואס? ווארום מ'האט געזען אז מ'ווייס שוין דארטן וואס דא טוט זיך.

איז נאך דערויף ווי די צייטונג ווייס דאס, איז פריער איז געווען איין עצה – אז דאס האט געזאגט פלוני בן פלוני, דער עורך איז פאר אים ניט קיין אחראי. דערנאך איז דא א צווייטע עצה – ס'איז דא א "מכתב אל המערכת". וואס האט ער דערפון? מ'דארף דאך זיין א "מיצר לישראל" – איז "נעשה ראש".

וכאמור, דא איז ניט די זאך וואס מ'וויל זוכן אן עולה אויף א צייטונג; יהי להם אשר להם. אט דאס וואס ס'איז נוגע: מ'איז מעכב, מ'האט לאנג גע'פועל'ט ביי אלע לינקע און ביי אלע קאמוניסטן און ביי אלע גויים, להבדיל, אז גיור זאל זיין כהלכה. די איינציקע וואס זיי זיינען מעכב: אזוי ווי "המיצר לישראל נעשה ראש" – לאזן זיי ניט צו אז מ'זאל צושטעלן דעם ווארט "כהלכה", און מ'פרואווט זיך אויף אלע וועגן.

עד. דערנאך עד כדי כך, אז ס'איז געווען ווייניק אז ס'איז דא נאר פינף מענטשן וואס טוען פארקערט פון פסק דין פון זייער רבנות ראשית – האט מען מכשיל געווען דא אין ניו יארק צענדליקער מענטשן, אז זיי זאלן מפרסם זיין דעתם ברבים, אז רבנות ראשית האט גע'פסק'נט אז מ'דארף ארויס פון דער רעגירונג.

האבן זיי אפגעדרוקט אין צייטונג, און אנגעשריבן זייערע נעמען, און מ'האט זיך גע'חתמ'עט – דער איז א רב במקום פלוני, און דער איז א רב אין מקום פלוני, און זיי זאגן אז מ'דארף ניט ארויס פון רעגירונג! וויסנדיק אז די צוויי-דריי-פיר מיליאן אידן – כן ירבו – אין ארצות הברית, ווייסן, אז ס'איז דא דער פסק דין פון רבנות, א פסק דין בפועל א געדרוקטער, אז מ'דארף ארויס פון רעגירונג, און מ'אונטערשטייט זיך מכשיל זיין אידן וואס ווייסן ניט וואס איז בין ימינם לשמאלם, און מ'האט אויף זיי געשריען און מאיים געווען, אז זיי זאלן אפדרוקן אין צייטונג גלוי לעיני כל, אז מ'דארף טאן פארקערט און מ'דארף בלייבן זיצן אין רעגירונג.

און ער איז אויך ניט שולדיק. איינער פון די פיר האט אהערצו טעלעפאנירט – מ'מעג דאך זאגן דעם אמת, איך וויל ניט קורא זיין בשמו – האט אהערצו טעלעפאנירט און געמאכט א טומל אויף איינעם: היתכן, ווי האט ער דאס צוגעלאזט אזא מין זאך? און ער האט אים אנגעזאגט ער זאל זוכן וועגן ווי אזוי דאס צו מתקן זיין.

איז יענער – דער היגער – האט קיין ברירה ניט, אט דאס איז פרנסתו ופרנסת בני ביתו, און ער האט ניט קיין סמיכות אויף רבנות, במילא קען זיין ער ווייס ניט פון דעם דין פון "אין שליח לדבר עבירה", במילא איז ער געגאנגען און האט זיך געבעטן ביי פלוני בן פלוני ופלוני בן פלוני.

ס׳איז דא א טייל וואס ער האט זיי ניט דערציילט אז ס׳איז דא א פסק דין פון רבנות ראשית, איינעם האט ער אפשר געזאגט אז דער פסק דין איז געווען קודם – וואס ער האט מיט זיי גערעדט ווייס איך ניט, אט דאס וואס ס׳איז ארויס – א חילול השם בפרהסיא שלא היה כמוהו:

אז רבנים, שומרי תורה ומצוה, ארטאדאקסישע רבנים, שעמען זיך ניט אפצודרוקן א מודעה אין א צייטונג לעיני כל, וואס די לייענער פון דער צייטונג ווייסן, אז די רבנות האט גע׳פסק׳נט מיט אנדערהאלבן יאר צוריק, מיט צוויי יאר צוריק, אז מ׳דארף ארויס פון רעגירונג, און דו פאלגסט זיי ניט במשך קארגע צוויי יאר! און איצטער האט מען מוסיף געווען עון על פשע: איבער׳חזר׳ן דאס דא אין ברוקלין!

זיי איז דאס אינגאנצן ניט נוגע, יענער לכל הפחות וועט עפעס האבן דערפון; אט די וואס האבן דא גע׳חתמ׳עט האבן דערפון גארניט. מערניט ווי מסייע זיין צו חילול השם ברבים, אז מ׳קען זיין א פרומער איד און טאן פארקערט ווי א פסק דין ברור, פה אחד, פון אלע רבנים וואס זיינען געווען בשעת מעשה, אז מ׳מוז ארויס פון רעגירונג. ואין פוצה פה ומצפצף!

זיי זיינען רבנים על מכונם, און זאגן דאך "אשמנו בגדנו", און טראכט זיך אז פארוואס זאגט ער "אשמנו בגדנו"? דערפאר וואס ס׳שטייט אין כתבי האריז״ל, אז דער אריז״ל האט געזאגט "אשמנו בגדנו" – ניט ח״ו ער האט אן עבירה; נאר אזוי ווי "כל ישראל ערבים זה בזה", זאגט ער "אשמנו בגדנו" פאר א צווייטן. אט דאס איז דער איינציקער "אשמנו בגדנו" וואס ער זאגט...

ס׳טייטש! האסט ערשט אפגעדרוקט אין צייטונג א מודעה, און וואס די מודעה וועט געלייענט ווערן דורך הונדערטער אידן וואס ווייסן אז ס׳איז דא א פסק דין ברור אז מ׳דארף ארויס פון רעגירונג. און ער גייט ארויס, ניט ער ברענגט א ראיה פון ערגעץ, ניט ער האט מעיין געווען בזה, ניט ער קען ברענגען א ראיה פון ערגעץ, און שרייבט אז מ׳דארף בלייבן זיצן אין רעגירונג – א חילול השם בפרהסיא שלא היה כמוהו!

וכאמור, "שתיקה כהודאה דמיא", "מי שיש בידו למחות ואינו מוחה" – איז ער נושא אין אט דעם עון. אט די אלע וואס גייען ניט ארויס און מאנען ביי די וואס האבן דא גע׳חתמ׳עט, און דער וואס האט באקומען דעם טעלעפאן,

– וואס מ׳ווייס ווער דאס איז, און מ׳ווייס ווער ס׳האט אים טעלעפאנירט, און מ׳ווייס וואס ער האט אים געזאגט; אין ארץ ישראל איז ניטא קיין סודות... עד כדי כך אז מ׳האט געוואלט ארייפירן אז מ׳זאל געבן א שבועה, אז מ׳וועט ניט דערציילן וואס ס׳טוט זיך אויף די אסיפות, און מ׳האט טאקע די שבועה ניט געגעבן...

במילא דאס איז דער סיום טוב: מ׳האט געמאכט א גאנצן טומל, אזוי ווי מ׳דערציילט מוז מען געבן א שבועה, האט מען געזאגט: מ׳וועט טאקע ניט געבן קיין שבועה, און מ׳האט טאקע ניט געגעבן די שבועה, און מ׳דערציילט טאקע ווייטער אויכעט... במילא ווייס מען ווער ס׳האט טעלעפאנירט, מ׳ווייס וואס ער האט גערעדט, מ׳ווייס וועמען ער האט טעלעפאנירט, און מ׳האט דערנאך געזען די פירות רעות וואס ס׳איז ארויס בפועל.

עה. ויהי רצון, אזוי ווי ס׳שטייט "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", וואס דאס איז דאך פון היינטיקער סדרה – זאל מען ארויס "ביד רמה" ו"בריש גלי", ובדרכי נועם ובדרכי שלום, אז גויים זאלן זיך זיין גויים אין זייערע ד׳ אמות, און אידן זאלן זיך זיין אידן אין זייערע ד׳ אמות, און ס׳וועט זיין "ונתתי שלום בארץ", און מ׳וועט זיך אויפהערן קריגן, דערפאר וואס אויב ס׳דארף שוין זיין א מחלוקת – זאל דאס זיין מחלוקת, ווי דער נוסח הידוע: צווישן וואס ס׳האלט בית שמאי און וואס ס׳האלט בית הלל, אבער ניט קריגן זיך בנוגע צו א דין אין שולחן ערוך,

במילא וועט זיין גיור כהלכה, און ס׳וועט זיין "הליכות עולם לו", און ס׳וועט אראפברענגען משיח צדקנו, וואס "יכוף כל ישראל ללכת בדרכה ולחזק בדקה, וילחום מלחמת ה׳ וינצח, ויבנה בית המקדש במקומו – הרי הוא משיח ודאי", ווארום ער איז "עוסק בתורה ובמצוות כדוד אביו וכו׳".

יבוא ויגאלנו, מיר און דיר און אייך, און אונז אלעמען צוזאמען, מיט אט די פיר און פינף, פון דעם פנימיות'דיקן גלות און פון דעם אויסווייניקסטן גלות, און מ'וועט גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו, וואס דעמאלט וועט זיך פארענדיקן דער גלות, און ס'וועט זיך אנהויבן די אתחלתא דגאולה, ולאחרי זה די גאולה האמיתית והשלימה, ובחסד וברחמים.

לחיים!

* * *

עו. אין תורה איז דאך א כלל, אז "מכלל הן אתה שומע לאו ומכלל לאו אתה שומע הן". און ווי גערעדט פריער בנוגע צו א אידן, איז וויבאלד אז דאס איז אן ענין אין תורה – ווערט דאס דערנאך אויף דער זעלבער סדר ביי א אידן אין זיין לעבן. ובמיוחד, בשעת ס'רעדט זיך וועגן איינעם וואס האט א השפעה בציבור, וואס ער איז אן עסקן ציבורי, אדער בכלל "ממנו יראו וכן יעשו" – איז דאס ביתר שאת וביתר עוז.

בהמשך להאמור לעיל, אז אט די אלע אידן וואס אויף זיי איז א מורא'דיקע רחמנות, וואס מ'האט זיי ארייגענומען און זיי האבן גע'חתמ'עט אויף דער מודעה אין צייטונג, וויסנדיק אז כמה וכמה פון די לייענער פון דער צייטונג וויסן אז ס'איז דא א קלארער פסק דין, פה אחד, פון דער רבנות ראשית אין ארץ ישראל – דארף מען באווארענען:

פון די אידן וואס לייענען דאס – איז דא כמה וכמה מהם וואס זאגן, און די אלע וואס האבן גע'חתמ'עט שרייען בקול גדול, אז דאס איז זייערע רבנים.

אזוי איז דאך "באתרא דרב" איז "נהוג כרב" און "באתרא דשמואל נהוג כשמואל"; בשעת אבער ער איז "באתרא דשמואל" און טוט פארקערט ווי שמואל זאגט אים, און ער שרייט אז דאס איז "אתרא דשמואל" – הייסט דאס אז ער טוט פארקערט פון תורת משה, וואס "משה קיבל תורה מסיני". וואס די סמיכות פון א רב ווערט דאך אנגערופן בשם "סמיכות" בדוגמא פון דעם "סמוך איש מפי איש" ביז משה וכו' וכו', כמבואר באחרונים דער ביאור בזה – ווי איז שייך איצטער אנצורופן בשם "סמיכה", בשעת בטלה סמיכה מישראל כמה הונדערטער יארן לפני זה.

און אף-על-פי-כן האבן זיי דאך גע'חתמ'עט, און איך האף, אז על כל פנים די חשובים שבהם, די רבנים שבהם, זאלן זיך מודה זיין אז "דבר שאמרתי לפניכם טעות היא בידי", כלשון הגמרא בעירובין, וואס ס'האט געזאגט א גרויסער רב און א גרויסער ראש ישיבה בזמנו, און ניט נאר דאס האט ניט אנגערירט, ניט געמאכט קלענער זיין כבוד; פארקערט, ער איז געווארן איינער פון די גרעסטע אמוראים וכו' וכו'.

און ווי גערעדט כמה פעמים, דאס גייט אזוי ביז צו משה רבינו אליין, וואס "הודה ולא בוש" זאגן אז "ידעתי ושכחתי" וכו', ביז וואנעט אז "בא לידי טעות" וכו', ווי די גמרא און מדרש שעמט זיך ניט צו זאגן, ניט ח"ו כדי צו דערציילן אויף משה רבינו אז ער האט געהאט א טעות, נאר כדי צו באווייזן א הוראה, אז ווען א איד האט א טעות, ווי גרויס ער זאל ניט זיין – זאל ער זיך ניט שעמען צו זאגן אז ער האט א טעות געהאט, אבי דער אמת זאל זיין און מנצח זיין, תורת אמת זאל בלייבן "תורת אמת", ניט רח"ל מאכן פון תורה פלסתר.

וואס דערפאר האף איך, אז על כל פנים די חשובים שבהם וועלן מודיע זיין אויכעט ברבים, על כל פנים מיט אט דעם פרסום, און אויב נאכמערער – איז מה טוב, אז מ'האט זיי אריינגעפירט; זיי האבן ניט געוואוסט אז ס'איז דא א קלארער פסק דין, פה אחד, אז מ'מוז ארויס פון דער רעגירונג.

און ס'איז ניט דער פשט אז ס'איז ניט "בכדי שיעשו"; ס'איז שוין דורכגעגאנגען פון דעמאלט קארגע צוויי יאר, צי מערער ווי אנדערהאלבן יאר, וכמדובר כמה פעמים.

עז. וואס דערפאר איז אשרי חלקו, בשעת ס'געפינט זיך א בעל-הבית, וואס ער שעמט זיך ניט און זאגט ברבים אז אויב מ'וויל ניט פאלגן א פסק דין פון א רב – קען ער ניט מיטהאלטן מיט אט דער שיטה.

אף-על-פי וואס כמה רבנים האבן אין זיך ניט אויכעט די תקיפות זאגן דאס בנוגע לפועל; מ'זאגט דאס אבער נאר אלס א שיטה בשעת מ'זאגט א שיעור אין ישיבה אדער מ'זאגט א דרשה אין שול. דערנאך זאגט מען אים: הער זיך איין, דרוק דאס אפ אין צייטונג, אז ס'איז דא א פסק דין רבנים פון פה אחד, און אזוי ווי דו האסט א קהל אידן וואס זיי הערן זיך צו צו דיין קול, ביסטו מודיע אז דו ביסט אנטקעגן אט די פיר-פינף-זעקס

מענטשן, וואס זיי ווייסן פון דעם פסק דין און טוען פארקערט – איז דער רב האט אין זיך ניט אט די שטארקייט.

די טענה איז, אז וואס דארף ער זיין ״קופץ בראש״, ניט מ׳האט ביי אים געפרעגט, און מסירת-נפש איז נאר אז ס׳איז דא א הכרח בדבר, און ס׳איז דא גדולים וטובים ממנו, מיט די אלע הסברות וואס ס׳איז דא בדבר.

וואס דאס אלץ איז נאך מגדיל זכותו פון א בעל-הבית וואס שעמט זיך ניט און שרייבט דאס אן בשפת המדינה, און זאגט אז וויבאלד אז ס׳איז א פסק דין פון א רב, על-אחת-כמה-וכמה פון כמה רבנים, ופה אחד – איז אט די וואס זיינען ניט מקיים דעם פסק דין, איז ״לא יהא חלקי עמהם״.

וואס לכאורה איז מאי קא משמע לן? דאס איז דאך פון זיך אליין פארשטאנדיק, אז אויב מ׳איז א פרומער איד דארף מען טאן ווי א רב פסק׳נט. לעבט מען אבער אין אזא מין דור יתום און אין אן ״עלמא דשיקרא״, אז ער לייגט תפילין, און עסט כשר, און אז מ׳זאגט אים: דער רב האט געזאגט כך וכך – זאגט ער אז ער וועט טאן פארקערט!

און בשעת ער ווערט ענג, זאגט ער אז דער רב האט ניט געזאגט, און ס׳איז ניט געווען געדרוקט, און ניט דאס מיינט מען וכו׳ וכו׳; וויסנדיק אז דער וואס האט ביי אים געפרעגט ווייס אז דער רב האט אים געמיינט. נאכמערער – ער אליין האט דאס געזאגט מיט צוויי טעג פאר דעם, אז אויב ס׳וועט זיין אזא מין נוסח, טאר ער ניט בלייבן אין דער רעגירונג. און האט אויך געזאגט, אז די טעמים און הסברות אז מ׳וויל עפעס אויספירן – האבן ניט קיין אחיזה.

וואס דאס האט ער געזאגט מיט א פאר וואכן צוריק, ווארום בשעת דער שותף השני אין דער רעגירונג – וואס ער איז דער רוב – וועט ווייסן, אז ער וועט קיינמאל בשום אופן ניט פארלאזן דעם בענקל – וועט ער ביי אים פארלירן די גאנצע חירות, און ער וועט קיין זאך ניט קענען אויספירן. און אף-על-פי-כן איז ער מודיע – און דארף דאס ניט זאגן בדיבור; ער טוט דאס במעשה – אז מ׳רירט זיך ניט פון ארט.

עח. וכאמור, ס׳איז צוגעקומען א נייע הסברה, אז דאס איז ניט א שאלה פון פיר-פינף מענטשן, נאר אזוי ווי ס׳איז דא אזויפיל מענטשן וואס האבן פרנסה דורך אים, איז בשעת ער וועט פארלירן זיין השפעה מיט זיין טייטל – וועלן די מענטשן פארלירן זייער פרנסה.

איז דער ענטפער, אז כבר היה לעולמים: ס׳איז דא אזוינע וואס זיי זיינען געזעסן אויפן בענקל, און דערנאך מאיזו סיבה שתהיה זיינען זיי אראפ פון בענקל, און ס׳איז דא אזוינע וואס די פיר-פינף מענטשן גופא האבן זיי אראפגעווארפן פון בענקל, און בשעת מ׳האט געדארפט צונעמען א בענקל – האבן זיי זיך איינגעשטעלט מ׳זאל זיי אפגעבן דעם בענקל פון א פרומען, דערפאר וואס זיי האבן גערעכט אז ווען זיי וועלן בעטן דעם בענקל פון דעם פרייען, וועט מען זיי ניט געבן דעם בענקל; האט מען דעם פרומען ארויסגעווארפן, און ער האט זיך אוועקגעזעצט במקומו!

וכידוע הדברים צו די אלע וואס זיינען אין ארץ ישראל – אף-על-פי וואס די צייטונגען דרוקן דאס ניט, און ווי כאמור, איך וויל ניט מישן נאך א פרשה בדבר, ווארום מ׳וועט זיך צוטשעפען, אז דער ״סטעמפ״ – דער ״בול״ – איז אנגעקלעפט פארקערט, במילא איז ניט נוגע וועגן וואס ס׳רעדט זיך אין בריוו...

עט. אט דאס וואס איך וויל ארויסברענגען, אז גדול זכותו פון א בעל-הבית וואס האט אין זיך די תקיפות און זאגט, אז דאס וואס תורה זאגט, אז א רב פסק׳נט דארף מען אזוי טאן בפועל – מיינט מען דאס א אידן אין אונזערע צייטן, און אף-על-פי וואס דאס וועט אנרירן זיין כבוד וכו׳; אז א רב האט אזוי גע׳פסק׳נט – דארף ער מקיים זיין דעם פסק דין פון דעם רב.

און ער האט געזאגט נאך מערער, אז די וואס טוען פארקערט פון דעם פסק דין פון א רב – וויל ער ניט זיין מיט זיי צוזאמען, ״אין לי חלק עמהם״.

ויהי רצון, אז דאס וואס מצידו האט ער דאס מפרסם געווען, און איז געווארן ״מזכה את הרבים״ – איז ממנו יראו וכן יעשו, אז א רבים זאל זיך אפרופן און זאל מפרסם זיין:

ניט זאגן דאס ביי זיך צו קריאת שמע שעל המטה, און מורא האבן אז די ווייב וועט דערפון הערן – וועט זי דאס דערציילן די שכנה׳טע, און דערפאר קען מען דערנאך אים געבן א ״שנעל אין נאז״; נאר ניט מורא האבן

און זאגן דאס בגלוי, א רב אין זיין קהילה, און א מלמד אין זיין תלמוד-תורה, אדער אין א "דיי סקול", אדער א ראש ישיבה אין ישיבה, און א בעל-הבית – אפדרוקן דאס אין צייטונג,

אז מ'זאל וויסן זיין, אז די וואס טוען פארקערט פון א פסק דין פון א רב – איז "לא היה כמוה בישראל": אפילו רעפארמער, אפילו קאנסערוואטיווע, זאגן אז דאס וואס זייער "רב" פסק'נט זיי – דארפן זיי אזוי טאן. און אט דא זאגט מען, אז ס'איז דא זיינער א רב, און ער איז "באתרא" פון דעם רב, און ער וועט טאן פארקערט ווי דער רב האט אים געזאגט!

וואס כאמור, ניט ביי קאנסערוואטיווע איז דאס דא, ניט ביי רעפארמער איז דאס דא, ניט – להבדיל – ביי גויים איז דאס דא! ס'איז דא גויים וואס האלטן ניט פון דעם גלח, אבער אז ער האלט פון זיין גלח – טוט ער וואס דער גלח הייסט אים. על כל פנים – ער האט אין זיך ניט דעם תוקף גיין און טאן ברבים און אפדרוקן נאך אין צייטונג, אז מ'זאל וויסן זיין אז ער טוט פארקערט פון פסק דין פון זיין רב!

וכאמור, אז איצטער רעדט מען דאך אין צד הטוב, אז יהי רצון, אז אט דער איד וואס ער איז געווען דער ערשטער און האט דאס מפרסם געווען, דער "נחשון" בים – אויף ניט שעמען זיך און זאגן, אז בשעת מ'וויל איינפירן א "שיטה", אז רבנים האבן גע'פסק'נט, און מ'זאגט בבת אחת אז דאס איז זיין רב, אבער דעם פסק דין וועט ער טאן אויף צו להכעיס און פארקערט – איז דאס א שיטה וואס איז היפך פון תורת ישראל, במילא איז דאס היפך פון קיום פון עם ישראל, במילא איז דאס היפך פון קיום פון ארץ ישראל וכו' –

זאל דאס ווערן די התחלה, אז צענדליקער און הונדערטער זאלן געבן אזוינע מודעות אין צייטונג.

פ. און יהי רצון, אז בקרוב ממש זאל בטל ווערן אט די התנכלות מיט די פרואוון זיך אויף אונטערגראבן זיך דעם קיום פון עם ישראל בכל מקום שהוא.

אט די טענה וואס מ'זאגט אז מ'דארף זיך ניט מישן אין אן אנדער ארט – איז דער אמת פארקערט: ס'איז נאך ניט געווען אזא מין אריינמישונג אין דעם לעבן פון פערצן מיליאן אידן, ניט פון גויים, להבדיל, ניט פון אידן, אז א איד אדער א גוי זאל זיך געפינען אין איין מדינה, און זאל ארויסגעבן א גזירה אויף א אידן וואס געפינט זיך אין א מדינה אין קצה האחר של העולם. אט די גזירה פון "מיהו יהודי" – דאס מאכט חרוב חתונות אין אסטראליע, חתונות אין ארצות הברית, חתונות אין אייראפע, ובכל מקום שהוא. אפילו אז ס'זאל זיין איין און איינציקער פאל – איז דאס אויכעט געונג, איז דאס אויכעט אן "עולם מלא"; רחמנא ליצלן – ס'איז א סאך מערער ווי איין פאל.

און איך ווייס, אז מ'וועט געפינען איינעם וואס וועט אנשרייבן א בריוו "אל המערכת", אז "לא היו דברים מעולם", ס'איז א גוזמא; מ'וועט אנשרייבן א בריוו דערנאך אז פלוני בן פלוני האט געזאגט אז "לא היו דברים מעולם", מ'וועט אנשרייבן דערנאך א "מאמר ראשי", אז ס'איז ניט שייך זאגן: א איד זיצט אין ברוקלין און וויל געוועלטיקן אויף אלע אידן בכל מקום שהוא, לכן זאגט ער אז "מיהו יהודי" איז נוגע צו פערצן מיליאן אידן, כדי די פערצן מיליאן אידן זאלן דערהערן פון אט דער מציאות,

– בין איך מוחל, הלוואי זאלן זיי וועלן ווערן אט די שרייער, אז "מיהו יהודי" איז א חורבן פאר עם ישראל, און איך גיב זיי אפ דעם גאנצן "קרעדיט" מיטן גאנצן זכות מיט אלע ענינים; אבי מ'זאל מבטל זיין דעם ענין הבלבול והטשטוש והחורבן, ויפה שעה אחת קודם, ובחסד וברחמים ובעגלא דידן.

פא. און דערנאך וועלן זיך צוזאמענקלייבן אלע אידן צוזאמען, ו"קהל גדול ישובו הנה" – אין ארץ וואס זי איז ארץ הקדושה, און גויים האבן דארט קיין דיעה ניט וואס צו זאגן, און ניטא אהינצו וואס צו שלעפן קיין גויים, אפילו אז מ'גיט זיי ארויס א פאפירל אז ער איז א איד – בלייבט ער אבער א גוי.

אז מ'וויל אים מאיזה טעם שיהיה ארייננלאזן – לכל הפחות דארף מען ניט מאכן פון אים קיין שונא, זאגן אז מ'האט אים געמאכט פאר א אידן, דערנאך וועט ער כאפן זיך אז מ'האט אים אפגענארט: ער איז געבליבן א גוי כמו שהוא לכל עניניו וכו', וואס אין כאן המקום להאריך בזה – די צרות וואס מ'האט שוין געהאט דערפון, והלוואי זאל מען ניט האבן ווייטער נאך מערער.

און זאל זיין דעמאלט אידן פאר זיך און גויים פאר זיך, און "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר", אז דאס איז "דבר ה' זו הלכה", ווי די גמרא זאגט אין שבת.

וואס אויף צוואילן דאס איז כדאי אז מ'זאל נאכטאן אט דעם אידן וואס ער איז געווען דער ערשטער וואס האט דורכגעבראכן די שוויגעניש און האט מודיע געווען, אט דאס וואס אלע אידן טראכטן, אז ווען א רב פסק'נט – דארף מען אזוי מקיים זיין, און דער וואס טוט פארקערט און אויף צו להכעיס דעם רב, דארף מען זיך היטן פון האבן מיט אים צוטאן און שטיין און גיין בדרכיו ובשיטתו.

און דאס זאל געטאן ווערן, כאמור, על ידי עשיריות ומאות ואלפים בישראל, עד כי יבוא מורה צדק ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו.

* * *

פב. ס'איז כנהוג מדי שנה בשנה, אז מ'זאל אויכעט מודיע זיין:

אזוי ווי ס'דא א קרן תורה – וואס דאס איז פארבונדן צו הילף אט די וואס ווילן זיצן און לערנען תורה לשמה אן קיינע באזונדערע תכליות; איז כל הרוצה – ווי מ'האט דאס קובע געווען אין דער התוועדות פון יום ההילולא – כל הרוצה זאל געבן כנדבת לבו הטהור, וכל המרבה הרי זה משובח.

און דער וואס וויל אויכעט געבן שמו ושם אמו, דער נאמען מיט דער מוטערס נאמען, וועט מען אים דערמאנען אויפן ציון פון בעל ההילולא למילוי משאלות לבבו לטובה.

און ויהי רצון ווי כאמור, אז מ'זאל געבן אין אן אופן פון הולך ומוסיף, במילא וועט ווערן הולך ומוסיף ואור אין תורה אור, אין לימוד התורה פון א צווייטן; וועט דאס אויכעט פועל זיין אז ער וועט מוסיף זיין אין לימוד התורה שלו. און דער לימוד וועט מביא זיין לידי מעשה, צו קיום המצות בהידור.

און ס'וועט זיין דער "בחוקותי תלכו – שתהיו עמלים בתורה", "ואת מצותי תשמורו ועשיתם אותם" – וועט זיין דער "ונתתי גשמיכם בעתם", ביז "ואולך אתכם קוממיות", בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

לחיים!

* * *

פג. בשעת עס רעדט זיך אין דער שירה, איז די התחלה הויבט זיך אן פון "זה א-לי ואנוהו". זאגט ער אויף דערויף אין מדרש און אין גמרא און אין רש"י וכו', בכמה מקומות, אז "הם הכירוהו תחילה":

ווער האט געזאגט "זה א-לי"? האבן דאס געזאגט אט די קינדער וואס זיינען געבארן געווארן אין ארץ מצרים, במילא איז דאס געווען מיט נסים ונפלאות, ווי ער זאגט אין ספרי אין האזינו, אז מצד די מורא פון די מצריים איז דאס געווען בשדה, און ס'איז געווען דער דבש ושמן, און אויף דערויף האבן זיי זיך אויפגעהאדעוועט; האבן זיי דערקענט דעם אויבערשטן ווי ער האט זיי געשפייזט בשדה, האבן זיי אים דערקענט אויכעט על הים.

ווי גערעדט כמה פעמים, אז יעדער ענין אין תורה איז דאס א הוראה, אן אנווייזונג, ביז אין אונזערע צייטן:

בשעת מ'טרעפט זיך מיט אידן, און מ'ווייס אז זיי זיינען געבארן געווארן בשדה, אין אן ארט וואס ס'איז ווייט פון ישיבות, און ווייט פון ערטער וואס דארטן זיינען געווען די גרויסע ישיבות, אדער די גרויסע רביים פון חסידות וכו'; איז אף-על-פי-כן, איז "לא יטוש ה' עמו ונחלתו לא יעזוב", און ער האט זיי דארט מזמין געווען, אט די וואס האבן זיך מיט זיי אפגעגעבן אויף זיי דערציילן וועגן משה רבינו ותורתו והמצוות, און האט זיי אויפגעהאדעוועט אין אן אופן אז זיי האבן זיך מוסר נפש געווען אויף תורה ומצוותיה, זייענדיק נאך אין מצרים.

דערנאך זיינען זיי אזוי ארויס, "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", איז בשעת ס'איז געקומען אז ס'דארף זיך שפאלטן דער ים, זיינען זיי אויך געווען פון די ערשטע, אף-על-פי וואס זיי זיינען ניט געבארן געווארן אין א ישיבה, ווי גערעדט פריער, וכיוצא בזה; איז ניט נאר אז זיי האבן אויך דערקענט, נאר אדרבה – "הם הכירוהו תחלה".

פד. וואס אט דאס איז אויכעט ווי ס'רעדט זיך לאחרונה כמה פעמים, אויף די אידן וואס זיינען געקומען פון גרוזיע און בוכארא וכו', וואס לכאורה איז דאך דאס ניט מדינות וואס האבן דארט געהאט ישיבות הונדערטער

יארן, ווי ליטא, אדער וואס חסידישע רביים זיינען דארט געווען פון הונדערטער יארן לפני זה, אדער על כל פנים אין די שנים האחרונות –

האט זיי דער אויבערשטער מזמין געווען, און דורך "על ידי עבדיו הנביאים" – געשיקט אהינצו שלוחים וואס זיי האבן זיי אוועקגעשטעלט על דרך התורה ומצוותיה, על דרך המלך, מלכו של עולם, וויסן אז מ'דארף אליין לערנען ווי דער אויבערשטער זאגט, און אזוי מחנך זיין קינדער און קינדס קינדער, און טאן דאס ביז מסירת-נפש אויב דאס פאדערט זיך.

וועט זיי דער אויבערשטער אויכ-עט מזכה זיין, אז נאך דערויף ווי זיי זיינען ארויס פון מצרים, און זיי קומען צו גיין אין ארץ טובה ורחבה, זאל זיין דארטן "כן בקודש חזיתיך" – על דרך ווי ס'איז ביי זיי געווען "בארץ ציה ועיף", און שטיין מיט א תוקף און מיט א שטארקייט אז זיי מוזן לעבן אין אן אופן וואס "התורה היא חיינו ואורך ימינו", און קינדער, איינגלאך און מיידלאך, מוז מען מחנך זיין על יסודי התורה והמצוה בכל הענינים, אנהויבנדיק פון צניעות ויראת שמים ואהבת ה' וכו' וכו'. און פונקט אזוי ווי די מסירת-נפש איז זיי בייגעשטאנען "בארץ ציה ועיף", על-אחת-כמה-וכמה אז דאס וועט זיי בייגעשטאנען בארץ טובה ורחבה.

פה. ואשרי חלקם פון יעדערן וואס וועט טאן אויף זיי ארויסהעלפן אין דעם, און זיי מסייע זיין און מיטהעלפן בכל האופנים שאפשר, וואס דאס וועט אויך העלפן בנוגע צו דעם טוער, אז ס'וועט זיין "גדול מה שהעני עושה עם הבעל-הבית ממה שבעל-הבית עושה עם העני":

דער אויבערשטער וועט באצאלן אט די וואס וועלן זיי העלפן ומשתדלים בטובתם, בנוגע צו זייער אייגענע יראת שמים, און צו זייערע אייגענע קינדער – אויף להוסיף אין דעם אמת'ן נחת רוח וואס זיי זאלן האבן פון זייערע אייגענע קינדער, על ידי וואס זיי וועלן טאן כל התלוי בהם אויף ארויסהעלפן די אידן וואס זיינען געקומען די לעצטע חדשים מאחורי מסך הברזל, אז זיי זאלן קענען, די מסירת-נפש וואס זיי האבן דארט געהאט בפועל, זאלן זיי דאס קענען דא יוצא זיין דארטן אין ארץ טובה ורחבה, אדער אין ארצות הברית וכיוצא בזה, יוצא זיין מיט מסירת-נפש בכח.

און גיין מחיל אל חיל אליין אין לימוד התורה וקיום המצוה, על-אחת-כמה-וכמה בנוגע צו דעם חינוך פון זייערע קינדער: זען אז זיי זאלן נתחנך ווערן אין אן אופן פון מוסיף והולך ואור, אין "תורה אור" און אין "נר מצוה" – וואס לימוד ה"תורה אור" איז דאך מביא לידי "נר מצוה". און טאן די אלע ענינים בחסד וברחמים.

פו. אזוי ווי ס'איז דא א סאך וואס קענען טאן אין דעם, דארף מען זיך אויכעט אויסהיטן פון דעם ענין פון "קדירה דבי שותפי לא קרירא ולא חמימא": אז איינער וועט זיך פארלאזן אויפן צווייטן, אדער צוויי וועלן זיך וואַרפן אויפן זעלבן ענין, און ס'וועט מזניח זיין – פארלאזן – די עבודה, – די זאכן וואס קענען זיך אפטאן דורך א צווייטן.

וואס דערפאר איז זיכער לתועלת הדבר, וועלן די עסקנים און די שתדלנים ומתעסקים צוזאמענרעדן זיך צווישן זיך, אז ניט נאר מ'זאל ח"ו ניט שטערן איינער דעם צווייטן, נאר פאנאנדערטיילן זיך אז "איש את רעהו יעזורו", אז יעדער זאל זיך נעמען זיין טייל און זיין אפטיילונג, און טאן אין איר בחיות ובמסירת-נפש ככל הדרוש.

און מה טוב, אז מ'זאל אויכעט איינפירן דעם סדר אויף פארבינדן משפחות:

אז די משפחות פון די וואס געפינען זיך אין כפר חב"ד, אדער אין נחלת הר חב"ד, אדער אין שכון חב"ד אין לוד, וכיוצא בזה, ובכלל – משפחות אין ארץ הקודש וואס זיינען זיך נוהג על דרך התורה והמצוה – זאל יעדער משפחה זיך פארבינדן מיט א משפחה פון די עולים חדשים אויף ארויסהעלפן זיי, און מאכן זיי לייכטער, אז זיי זאלן קענען שטייגן אין לימוד התורה און קיום המצוות, און זאלן דאס קענען טאן מתוך מנוחה, במילא דארף מען זיי – זעלבסטפארשטענדליך – ארויסהעלפן אויך בנוגע צו הסתדרות בגשמיות כפשוטה.

און דעמאלט, אז א משפחה וועט זיך פארבינדן מיט א צווייטע משפחה פון די עולים ישנים, אדער ילידי הארץ מיט די עולים חדשים, אט דעמאלט וועט ער פילן די אחריות מיוחדת וואס ליגט אויף אים, נוסף אויף די שתדלנות כללית וואס ווערט געטאן על ידי עסקנים ושתדלנים, און וועט אויכעט האבן א קישור לבבי ונפשי צווישן די צוויי משפחות במיוחד, ובמילא וועט דאס מוסיף זיין אין דער הצלחה פון דער פעולה.

פז. ויהי רצון, וויבאלד אז דאס איז פון די ענינים וואס "יפה שעה אחת קודם", און איך האף אז מ'הערט דאס, אדער מ'וועט דאס איבער געבן בהקדם, אין ארץ טובה ורחבה, אין ארץ הקודש. ועל דרך זה אויכעט איז דאך דא אין קלענערע צאלן, אבער אויכעט די זעלבע שאלה און די זעלבע שוועריקייטן אין ארצות הברית און אין אייראפע און אין אסטראליע, ובכל מקום וואו די עולים חדשים זיינען אנגעקומען –

אז נוסף צו די עסקנים וואס זאלן זיין יראי שמים, וואס זאלן זיך אריינווארפן, און וועלן זיך אריינווארפן אין די עסקנות מיוחדת – אויף העלפן די עולים חדשים אין הסתדרות גשמית, און העלפן זיי ביחד עם זה אין הסתדרות רוחנית, ביז אין אן אופן פון הולך ומוסיף ואור; איז נוסף לזה, אויכעט פארבינדן א קשר אישי, א קשר פרטי, צווישן איין משפחה מיט א צווייטע משפחה, אויכעט אין אן אופן אז מ'זאל זיי ארויסהעלפן בגשמיות וברוחניות גם יחד.

און דער קירוב הלבבות – נוסף אויף דעם עצם הפעולה וואס עס וועט צוקומען, און ס'וועט אויפגעלעבט ווערן דער ענין פון לימוד התורה וקיום המצות, וועט דאך אויכעט צוקומען דער קירוב הלבבות ואיחוד הלבבות; איז דעמאלט, בשעת "כולנו כאחד", איז דאך דאס די כלי אז ס'זאל ווערן דער "ברכנו... באור פניך", ו"באור פני מלך חיים", ו"מאן דיהיב חיי יהיב מזוני" – אז מ'וועט זיין געגעבנטשט בבני חיי ומזוני רויחא, "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה", ו"ביד רמה" ו"בריש גלי".

לחיים!

(צוה לנגן ניגון הכנה, ולאח"ז ניגון ד' בבות. כן צוה שיוצאי רוסיא ינגנו ניגון, ויוצאי גרוזיא ינגנו ניגון).

* * *

פח. ס'שטייט אין מדרש אויף כמה ענינים, אז זיי זיינען במספר עשרה. על דרך ווי די משנה אין אבות הויבט אן פון "בעשרה מאמרות נברא העולם". און דערנאך איז דאך אויכעט בשעת ס'איז געווען מתן תורה, וואס דעמאלט איז דאך געווען – ווי גערעדט אין מאמר – אז משה רבינו הורידו מרקיע הא' לארץ, וואס דאס איז "וירד ה' על הר סיני" ביי מתן תורה, איז דאך אויכעט געווען אין עשרת הדברות, וואס דערפאר איז דא אויכעט אין א מספר פון עשרה – אין עשרת הדברות.

וואס דערפאר איז דאך אויכעט כל הענינים בעולם טיילן זיך און האבן אין זיך אלץ א מספר עשרה, כמבואר בכמה מקומות ווי אזוי דאס איז דער מספר השלם, און אויכעט אין פרד"ס: ווי אזוי דאס איז על פי קבלה און על פי דרוש וכו'.

במיוחד, ווי געזאגט פריער, וואס ער זאגט אין מדרש, אז ס'איז דא "עשרה שירות", וואס אין זיי ווערט אויכעט אריינגערעכנט די שירת משה און שירת מרים און שירת דבורה – "ותשר דבורה" – הנביאה. און זאגט, אז דאס איז אלץ תשעה שירות; דערנאך וועט זיין דער שיר העשירי, דער "נשיר לפניו שיר חדש".

און ווי ער זאגט אין מכילתא, און תוספות ברענגט דאס אראפ, און מ'זאגט דאך דאס אויכעט אין דער הגדה, דער נוסח דוקא: "שיר חדש", ניט "חדשה" – דערפאר וואס דאס וועט זיין א גאולה שאין אחריה גלות, ודערפאר איז "שיר חדש" לשון זכר, וואס דאס וועט זיין די שירה בביאת משיח צדקנו.

פט. די הכנה דארף דאך זיין מעין פון דעם ענין צו וועלכן מ'וויל דאך צוקומען, בדוגמא ווי די גמרא זאגט אין סוטה: "במדה שאדם מודד בה מודדין לו", אדער בלשון הידוע: "אתערותא דלעילא" איז דאס "כעין אתערותא דלתתא"; איז אויכעט די הכנה לזה במשך כל השנה – דער ענין השירה, ובמיוחד אין דעם שבוע – אין דער וואך – פון פרשת שירה, פון פרשת בשלח, ובמיוחד אין דער וואך עצמו – אין דעם יום הרביעי, וואס ביי קדשים "הלילה הולך אחר היום", וואס דאס איז דאך אין חלק הפרשה וואס איז פארבונדן מיט יום הרביעי, פון רביעי ביז חמישי,

– איז די התחזקות און די תוספת אור וחיות אין דעם "אז ישיר משה ובני ישראל", בנוגע צו גברים וזכרים, און לאחרי זה – "ותקח מרים" און אלע נשי ישראל, "כל הנשים אחריה", און אלץ "בתופים ובמחולות"; איז דאס איז די הכנה קרובה צו דעם "שיר חדש" בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

וכל המוסיף מוסיפין לו וכל המקדים מקדימין לו – אף-על-פי וואס די גאולה כללית קומט דאך ביחד, איז דאך אבער פאר דעם דא די גאולה הפרטית, כמדובר בכמה מקומות, ובפרט אין אגרת הקודש פון דעם אלטן רביין.

זאל זיין די "גאולה הפרטית" כל אחד בחלקו, און אין דערויף זאל מקויים ווערן דאס וואס די גמרא זאגט אין קידושין, און דער רמב"ם ברענגט דאס אראפ אלס א פסק דין, אז "לעולם יראה אדם עצמו שקול וכל העולם כולו שקול", במילא, אז מ'טוט מעשה אחד, אפילו דיבור אחד, איז ער "מכריע עצמו וכל העולם כולו לכף זכות".

און אז ער טוט דאס מתוך שירה ושמחה – איז די הכרעה אויכעט מתוך שירה ושמחה, אז ס'קומט אראפ די גאולה האמיתית והשלימה, בשמחה ובטוב לבב, און מ'גייט "קהל גדול", "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו", "לא תשאר פרסה", מיטנעמען "כספם וזהבם אתם" – דער חלקו בעולם מיט אלע בירורים וניצוצים, מיט "כספם וזהבם" כפשוטו.

און זאל זיין ביז דעמאלט, ווי מ'לייענט אין דער חלק הפרשה פון יום החמישי שלאחרי יום הרביעי – דער ענין פון מן, פון "לחם מן השמים", אז ס'זאל זיין אז "כל טעם טועמין בו", און ער גייט צוזאמען מיט אבנים טובות ומרגליות, וואס דאס באווייזט דאך – ווי די גמרא זאגט אין יומא – אויף פרנסה בהרחבה, און על-אחת-כמה-וכמה הרחבת הפרנסה.

וואס אט דעמאלט נעמט מען אויף משיחן אויכעט מתוך שמחה וטוב לבב ביותר, און מ'גייט אלע צוזאמען קוממיות לארצנו, ו"יבנה בית המקדש במקומו ויקבץ נדחי ישראל", און וואס דעמאלט וועט אויך מקויים ווערן "כולם... לעובדו שכם אחד", ובקרוב ממש.

לחיים!

Dedicated in loving memory of

הרה"ח ר' **צבי הירש** בן הרה"ח ר' **יהודה** ע"ה

Whose love and devotion to the Rebbe and Torah remains with all of us.

By **Mendy, Leah, Eliezer, Kayla & Ari Schurder**